STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01478

DI TSIGAYNER

Shalom Lederer

Permanent preservation of this book was made possible by Leonard & Syril Rubin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא ציגיינער

אָדער

ראָכע פון אַבאַנדיט

איין אינטערעסאַנטער ראָמאַן פון פּאָלנישען און אַמעריקאַנישען
יודישען לעבען, אין פיער טהייל.

פערפאַסט פון

שלום לעדרער אויס לחם.

דריטער טהייל

פערלאג און אייגענטהום פון מרדכי קאצענעלענבאגען בוכהענדלער ווילנא.

ווילנא
תרנ"ח.

ЦЫГАНЕ.
Романъ въ 4-хъ частяхъ. Ш. Ледерера.
Часть III.
Изд. и соб. виленскаго книгопродавца М. Каценеленбогена.

ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и бр. Роммъ. Жмуд. пер. соб. домъ № 323.
1897.

Дозволено цензурою 8 Іюля 1897 г. Вильна.

1:

ראבע פאר מיין שוועסטער!

אונטער איצעלעס וויעגעלע,
שטעהט אגאלדען ציעגעלע,
דאס ציגעלע איז געפאהרען האנדלען,
ראזינקים מיט מאנדלען,
נאר דאס איז דיא בעסטע סחורה,
איצעלע וועט לערנען תורה...

דיעזעס טרויעריגע יודישע ליעדעלע, האט געזונגען איינגע שאנע פרויא וויעגענדיג אקליינעס קינד, וועלכעס איז געלעגען אין איין האנג-וויעגעלע אונ זיך געלאזט הערען אויף זיין אויבערשטימעלע...

וויא עס זעהט אוים, האט איצעלע אויך געהאלטען פון דעם „אם אין קמח אין תורה“ אונ האט פריהער פערלאנגט אין מויל אריין... זעהר שמוטציג וואר אין איצעלעס ענגען צימער, וועלכער האט זיך געפונען אין איינע פון דיא ארעמסטע אונטער גאסליך פון׳ם פאלנישען שטאדטעל רייוויץ. דער דלות האט געפייפט אין יעדען ווינקעלע; אנשטאדט דעם „גאלדען ציעגעלע“ מיט „ראזינקעס אונ מאנדלען“, האט זיך אין צימער געפונען אבעטט, וועלכע וואר איינגעשפארט מיט איין קאסטעל; דאס איז געווען אסגולה פאר דיא פאלענדיגע (חולה נופל) אונ איין לאבערדיגע פאסס מיט צווייא ברעטליך, וועלכע האט געדיענט אלס טיש, אויך איין אלטע געהמאשינע, וועלכע האט ערנאהרט איצעלעס מוטטער. —

ראזינקעס מיט פייגען.
האט דיא ארעמע פרויא איהר ליעד פארטגעזעטצט —
איצעלע וועט ליעגען אונ שוויגען...
נאר צום אונגליק האט איצעלע ניט געוואלט שווייגען אונ העכערע טאנער גענוממען... דיא יונגע מוטטער האט זיך צום וויעגעלע צוגע-בויגען אונ דעם קינד איהר מאגערע ברוסט געגעבען; אונזער קליינער העלד איז פלוטצלינג שטילל געבליעבען, גלייך וויא דאס גאלדענע

ציועלע וואלט איהם געבראכט פון דיא גוטע זאכען אונ איצעלע איז אין איינע מינוט ארום ענטשלאפען געווארען.

— א קיין גוטען סוף זאל מיין מערדער נית האבען! — האט דיא ארעמע פרויא מיט טרעהרען געזאגט, אלס דער קאנצערטיסט איז שוין געשמאק געשלאפען — דוא פאטער פון דיא עלענדע יתומים זאלסט איהם צאהלען וויא ער האט געגען מיר אונגליקליכע געהאנדעלט! דאס אונגליק זאל איהם בעגעגענען וואו ער וועט שטעהן אונ געהן! וואס האט ער צוא מיר ארעמע יתומה געהאט? ווארום האט ער מיך זויא אונגליקליך געמאכט? ערשט מיט איין יאהר צוריק בין איך זויא גליקליך געווען... איך האב געארבייט ביא איין שניידערקע אונ פערדיענט דרייא רובעל אוואך... איינינע הונדערט רובעל האב איך געהאט אויף פריצענט אונ ווער איז דאן גליך געוועזן צוא מיר? איך האב געלעבט מיט דער זיסטער האפפענונג, דאס איך וועל קריגען איין ארדענטליכען מאן אונ זיך אפרוהען פון מיין שווערער ארבייט. וויא גליקליך האב איך זיך געשעטצט, אלס מיין מערדער האט זיך מיט מיר בעקאנט! איך האב געדענקט דיא גאנצע וועלט איז מיין... וואס פאר א זיסע צוקונפט איך האב זיך פארגעשטעלט! אקליינינקייט? א שאנער יונגער מענש, א סוחר, אקלוגער, אללע האבען מיך מקנא געוועזען, וואס איך ארעמע שניידערקע האב אזא גרויסארטיגען בע-שערטען געפונען... איך עלענדעס קינד האב געגלויבט זיינע פארגע-שטעלטע גליקען... איך האב איהם הערצליך געליעבט... אונ יעטצט? ווער ווער וואלט עס גלויבען, אז מיין חעה צוא מיינע פינסטערע יאהר! ווער וואלט עס גלויבען, אז מיין גליקליכער בעשערטער איז אבאנדיט, אגנב, איין אויסוואורף פון דער גאטור?... נאך מיין וויסטער חתונה. האט ער מיט מיר צווייא מאנאטען געלעבט אונ מיך איבערגעלאזט וויא אין טאג פון מיין גע-בארען... נאקעט, ארעם, עלענד, מיין אונגליקליכער זאהן האט קיין פאטער אונ איך לייד מאנגעל אונ קעלט, דען איך האבע שוין קיינע קראפטען צוא ארבייטען... גאט וויים, וואס מיין ענדע וועט זיין... איך וועל מוזען...

דיא אונגליקליכע האט איהרע ווארטער נית געענדיגט, דען דיא טהיר האט זיך פלוטצלינג געעפענט אונ איין ארימער יונגערמאנן איז אריין אין צימער.

זיין גאנצער קארפער וואר אין לומפען (שמאטעס) איינגעוויקעלט אונ פון זיינע גרויסע שטיוועל, האבען זיך דיא פיסס-פינגער ארויס-געזעהען...

— זרח! — האט דיא אונגליקליכע מיט שרעק אויסגערופען — זעהר אין אשאנע לאנגע זעה איך דיך, ליעבער ברודער! נאר נאך אין

אשענערע

(ציינער ח״ג)

אשאנערע לאגע האסט דוא דיין אונגליקליכער שוועסטער געטראפען, וועלכע וועט דיר שוין מעהר קיין געלד געבען, דען מעהר וויא איהר זינדיגע נשמה האט זיא ניט . . .

— גיטעלע! — האט דער באנדיט, אונזער בעקאנטער זרחקע דייבער, געשטאממעלט — וואס זעה איך? איז דאס ניט א חלום? וויא קומסט צוא דיר אקינד? ביזט דוא שוועסטער, דיא איממער פרייליכע גיטעלע? וואס איז פון דיר געווארען? . . .

— דאס זעלבע, וואס פון דיר איז געווארען — האט גיטעלע מיט איין ביטערען שמייכעל געאנטווארטעט אונ אויסגעווישט איהרע טרעה-רען — נאר דער אונטערשייד איז, וואס דוא האסט זיך זעלבסט אונגליק-ליך געמאכט אונ מיך האט אצווייטער באנדיט לעבעדיג בעגראבען . . .

— שטעך מיך ניט מיט דיינע ווארטער — האט דער שורקע מיט איין פערשטיקטער שטיממע געזאגט אונ זיינע קליינע אויגען זיינען פולל געווארען מיט טרעהרען — ערצאהל מיר, שוועסטערקע, ווער האט דיך זויא אונגליקליך געמאכט? איך וועל אין פייער לויפען, מיין לעבען איינשטעלען אונ פון יענעם ראכע נעהמען . . . א, גיטעלע! איך האב אויף דיר, מיין איינציגע שוועסטער, מעהר מיטלייד וויא אויף זיך זעלבסט . . . דיין יעטצטיגע לאגע האט מיין הערץ געלעכערט . . . זאג מיר, ווען האסט דוא געהייראט אונ ווער איז דיין מאן?

— מיין מאן איז דער זעלבער וואס דוא . . . פון דיין קלאסס, פון דיינע גוטע ברידער . . . מיט א יאהר צוריק האט ער זיך מיט מיר בעקאנט . . . פערפלוכט האט געזאלט ווערען דער טאג פון מיין בע-קענען זיך מיט איהם; . . דער מערדער האט זיך פאר מיר פארגע-שטעלט אלס סוחר . . . איך נארר האב איהם געגלויבט, מיינע שווערע פערהארעוועטע פיערהונדערט רובעל האב איך איהם אוועק געגעבען צוזאממען מיט מיין עהרע אונד לעבען, וועלכעס ער האט אוועק גערויבט, דען צווייא מאנאטען נאך מיין פערפלוכטער חתונה, איז ער מיט אללעם אנטלאפען . . .

מיט זעקס וואכען צוריק האב איך אזאהן געבארען, וועלכער לייד הונגער גלייך מיט זיין אונגליקליכער מוטטער, דען מיין ברוסט איז פולל מיט גיפט . . . דאס איז מיין טרויעריגע געשיכטע, יעטצט קענסט דוא דיר נעהן, וועלכע נוטצען קענסט דוא האבען פון דיין ארימער עלענדער שוועסטער?

— טרייב מיך ניט, שוועסטערקע, האט דער באנדיט ביטער געקלאגט — עס שנייד מיך ביים הערצען . . . זאג מיר, גיטעלע, וויא האט מען דיין מערדערישען מאן גערופען?

— קלמן — האט דיא אונגליקליכע געאנטווארטעט — נאר וויא איך פערשטייה איז דאס געוועזן אפאלשער נאמען, דען זיינער אגוטער ברודער, וועלכער איז איין מאל צוא איהם צוא גאסט געקומען האט איהם פייפקע גערופען...

— פייפקע! — האט דער באנדיט אויסגערופען אונ זיינע אויגען זיינען געווארען מיט בלוט פערלאפען — איז ער געוועזן אבראנעט מיט שווארצע קליינע באקענבארד אונ געטראגען פאנסנעע?

— דאס איז ער מיט דיא ביינער... זעהסט דוא, זרחקע, אז איך האב געטראפען, דאס ער איז פון דיינע בעקאנטע גוטע ברידער? —

— פייפקע ריקער! — האט דער סובּיעקט געדאנערט אונ צוויא פויסטען געמאכט — ארוח אין זיין טאטען! דער גזלן! דער גנב! זיין בלוט מוז איך זעהען! זיין בלוט! זאלסט וויסען שוועסטער, דאס דוא ביזט ביא דיין שאנעם מאן פיללייכט דיא צעהנטע פרויא... מיינער אגוטער ברודער האט מיר געזאגט, דאס דיין רויבער, פייפקע, איז היינט אין נולביל ביא איין געוויסען גנב לייב שווינדעל. מיר וועלען היינט אהין פאהרען, זיין גארגעל וועל איך איהם אויסרייסען! וויא אהונד וועל איך איהם דער שטיקען... ראכע פאר מיין שוועסטער!

2.

דער טייפלישער פלאן.

אויף נולבילער דאלנע-מאריא שטראססע, וועלכע איז געבויעט אין איין טהאל, אין איין אלטען פערוואָרפענעם הויף, האט זיך מיט אייניגע טאג צוריק אריינגעקליבען, אייכער מאן, וועלכער האט זיך פערשריבען אין פאליצישען-בוך מיט דעם נאמען אשר מאקלער... אבוואהל זיין וואהרער נאמען איז לייב שווינדעל...

מיר זעהען דעם געננאנטען אפעריסט זיטצען אין איין בעזאנדערען פערשלאסענעם צימער מיט נאך צוויא שורקען אונ פיהרען צווישען זיך אהייסען געשפרעך. —

לייב שווינדעל איז אהויכער זעכציגיאהריגער יוד מיט אלאנגע ווייסע בארד, זיין פרעכעם געזיכט איז מיט זוממער שפרענקלען בע־שאטען אונ דיא אויבערשטע ליפה איז אויף דער העלפט צושפאלטען, דאס מען דארף זיין מיט איהם גוט געוואהנט, ביז מען פערשטעהט זיין אויסשפראכע. דיא איבעריגע צוויא זיינען פיעל יונגער אונ פון

זייערע טיגערישע אויגען קען מען גלייך ערקענען, דאס זייא זיינען ווייט פון פרומקייט . . .

— וואס הערט זיך אין שטאדטעל ? — האט שווינדעל איינעם פון דיא צוויייא יונגע לייט געפרעגט, וועלכער וואר קיין אנדערער וויא אונזער בעקאנטער „בעל תשובה“ בערקע סאקאל — וויא געהן דיא געשעפטען ? האבען געסטערען אונזערע ברידער פיעל געלד פערדיענט ? האבען זייא ניט געטראפען קיין שמירה ? . . . (פאליציע)

— דוא האסט מיט אמאל אזוי פיעל פראגען געמאכט, דאס איך ווייס ניט אויף וועלכער פריהער צוא ענטפערען — האט בערקע לאכענדיג געזאגט — מיר האבען, גאט זייא דאנק, צוא נעכטיגען טאג ניט דער לייגט . . . הלואי זאל שיינעם בחור (השם יתברך) העלפען מיר זאלען קיין מאל קיין ערגערען טאג האבען . . . מיר האבען אויף עטליכע ארטער איבער פינף טויזענד רובעל זאבערעט . . . (צוגענומען)

— איז אללעס שטיל צוא געגאנגען, אדער איהר האט גענומען בעגראנדע ? (מיט געוואלד) — האט שווינדעל ווייטער געפרעגט.

— איך פערשטייא דיך ניט . . . — האט בערקע געלאכט — דוא מאכסט זיך פאר אצדיק, גלייך דוא וואלסט ניט זיין פון אונזערע ברידער . . . ווייסט דוא דען ניט, דאס אונזער קאלייקע 1) נעהמט וויא עס געהט ? מיר זיינען אריין אין עטליכע האנדלען, וויא אויך אין איינינע רייכע הייזער, בייא דיא טהירען האבען מיר געשטעלט אונזערע לייט, אום מען זאל ניט קענען פערשיטען (אויסזאגען) אונ שיקען דער שמירה . . . דיא רייכע יאלדעס (מענשען) האבען נעביך געוויינט אונ געצאהלט גאנצע קלויסטער . . . (הונדערטער) אונ נאך דער ארבייט האבען מיר זיך מיט זייא געזעגענט וויא דיא בעסטע פריינד אונ געמאכט פיסס . . . נאר זאג מיר, לייב, האסט דוא שוין בעשטאדט דיא שאריע ? (סחורה)

זיא

1) מיט צעהן יאהר צוריק, האט זיך אין דער גרויסער פאלנישער שטאדט נובלין געגרינדעט איין באנדע שטאדט-רויבער, וועלכע דיא נובלינער איינוואהנער האבען „חברה קאלייקע“ גערופען. דיא באנדיטען פלעגען אפענטליך אין מיטען טאג בערויבען מענשען, אויך פיעל האנדלען אונ רייכע הייזער בעפאללען. דער פאליציע האט פיעל מיהע געקאסט, ביז איהר איז געלונגען דער „קאלייקע“ אויסצורויטען. קארגע צוויא הונדערט מאן האט מען נאך סיביר פערשיקט אונ צוא אונזער שאנדע וואר צווישען זייא גאנץ שיינע לאנג-געקליידעטע יודען מיט ווייסע בארד מיט הויכע היטלען . . . געוויס האבען טהייל פון מיינע פאלנישע לעזער פון דער „קאלייקע“ געהערט. —
ש״ל.

— זיא איז אויף איבערען ארט .... נאר שא .... דאכט זיך מען קלאפט אין טיהר .... וויא זאגסטו , בערקע , זאל איך עפענען ?
— פרעג פריער ווער דאס איז....
— ווער איז דארט ? — האט שווינדעל ציטערנדיג געשריען .

עפענט רבי ליב — האט זיך פון יענער זייט טיהר אשטימע גיהערט , דער ערשראקענער אפעריסט האט דיא טיהר אויף געשלאסען אונ אין צימער איז אריין אריינגעקליידעטער העררר מיט ארונגע שווארצע בארד אונ האט געפרעגט :
— וואוינט היער העררר שווינדעל ?
— יא , ... מיין .... העררר .... , — האט דער בלאסער גנב קוים ארויס גערעדט אונ זיינע געלע פוילע ציין האבען זיך געטרייסילט — מיט וואס — קען — איך — איהן — דיענען ?
— וואס האסטו דיך , ליב , זויא ערשראקען , וואס עס ווארפט דיך דאס נייא-יאהריגע קדחת ? — האט דער אריינקומענדער געלאכט אונ אונ זיין צעלענדער מיט דער פאלשער בארד אויס געטאהן — יעצט דער קענסטו מיך ? ....
— פייפקע ! — האבען אלע ערשטוינט ארויס געפלאצט —ארוח אין דיין מאמען , וואס האט דיך געהאט ... דוא האסט אונז אונזרע היילינע נשמות ארויס גענומען ... גיב אהער דיין פיסק ...
ביא דיא ווערטער האבען זיך אלע באנדיטען הערצליך צוקושט .

וואס מאכסט דוא , בערקע ? האט דער גאסט זיך אנגעקוועטשענ-דיג זיין אלטען גוטען ברודער געפרעגט — שוין אלאנגע צייט , או מיר האבען זיך ניט געזעהן , וויא געהן דיא געשעפטען ? נאר איך פער-שפאר דיך צופרעגען , דען דוא זעהסט אויס וויא אוואהרער פרינץ ...
— אונ דוא ביזט אגאנצער באראן געווארען — האט ליב לאכענד געזאגט — וויא איך בין איוד , דאס גאט אליין וואלט דיך ניט דער קענט ... אונזער בערקע האט געגרינדעט אקאמפאניע גוטע ברידער , וועלכע מען רופט דא „חברה קאלייקע“ אונ ער איז אונזער גענעראל ...
— פאזדראוולייאיו וואס , וואשע וויסאקא פרעוואסחאדיטעלסטווא ! (גראטולירע איך , עקסעלענץ“ !) — האט פייפקע שפאסיש אויס גערופען אונ מיט זיין האנד ביא דער שלייף איין מיליטערישען עהרע-צייכען געמאכט — איך האב געהערט , דאס איהר מאכט גוטע פאר-שריפטע ... טלביל ציטערט פאר אייך ... אונ איך ענטזאג מיך אויך ניט צוא ווערען איין מיטגליעד (טשלען) אין אייער געעהרטער קאמפאניע . זייגט איהר צופריעדען ?

— געווים ! — האבען אלע פרעהליך געאנטווארטעט.

— אלזא, ברידער, — האט פייפקע ערווידערט — היינטע אבענד וועל איך מאכען מיין ערשטע פראבע אונ געהן מיט אוויזיט צוא אגעוויסען אברהם ראזענבלאטט, וועלכער איז פאר אונז זעהר געפאהרליך אונ איך האב מיט איהם אלטע רעכנונגען... זאל ער אויך וויסען וואס פייפקע קען...

— זעהר גלייך — האבען אלע צוגעשטימט — נאר ערצעהל אונז, וואו האסטו מיט איהם קאנטשאפט געשלאסען... אונ וואס זאל בעדייטען דיין ווארשעווער דעפעשע ?

פייפקע האט זייא ערצאהלט פון דער סצענע ביים ווארשעווער וואקזאל... אלע האבען דער בייא שרעקליך געלאכט אונ געפאטשט בראוואָ···· וועגען זרח׳קען האט דער באנדיט קיין ווארט גערעדט.

— יעצט, מיין פריינד, — האט זיך פייפקע צוא שווינדלען געווענדעט, אלס ער האט אלע זיינע מעשים טובים אויס דער צאהלט — איז דא בריף צוא מיר ? זיינען זייא אין ארדענונג ?

— יא, ברודער, — האט ליב געאנטווארטעט — איך האב פאר דיר דרייא פערזיעגעלטע בריעף אויס לאנדאן ערהאלטען····

בייא דיא ווערטער האט ער איין קאמאד אויפגעשלאסען, פון וועלכער ער האט איינינע בריף ארויס גענומען אונ זייא פייפקען דער לאנגט, וועלכער איז אריין אין אצווייטען בעזאנדערען צימער, וואו ער האט דיא בריף אויף געזיעגעלט אונ בענאהע אהאלבע שטונדע געלעזען. — נאר איך וועל דיא לעזער ניט בעמיהען מיט הערען לעזען אלע בריעף, מיר וועלען בלויז איין בריעף הערען לעזען, וועלכער איז זעהר אינטערעסאנט פאר אונז, אונ דאס וואר זיין אינהאלט:

פייפקע, מיין נשמה, מיין הערץ !

„שוין דרייא יאהר, אז מיר האבען זיך ניט געזעהן ! אקליינינקייט זעכס אונ דרייסיג מאנאטען ! גלויב מיר, מיין לעבען, דאס דיא צייט איז בייא מיר פאר אגאנצע עוויגקייט פערגאנגען···· קיין איין מינוט קיין סעקונדע איז ניט אוועק, איך זאל דיך, מיין נשמה, ניט ערמאנען···· פערצייהע מיין טייערער, וואס איך האב דיר זויא לאנג ניט געשריבען, דען פילע גוטע נייעס האט זיך מיט מיר פאסירט, וועלכע האבען מיר געשטערט פון שרייבען: פייפקע, מיין ענגעל, מיין טרייסט ! איך בין שוין ניט דיא זעלבע ארעמע מאשע, וויא איך בין געוועזען מיט איאהר צוריק···· מיין נאמען איז יעצט מינע לעווי···· מיט דרייא מאנאטען צוריק האב איך געהייראט מיט דעם רייכען טוך-פאבריקאנט,

דייוויס לעווי, וואו איך וואר דיא גאנצע צייט איין איינפאכע ארבייטערין .... מיין יעצטיגער געמאהל איז אגרויסער מיליאנער, דאס זיין גלייכען וועסט דוא אין רוססלאנד ניט געפינען .... דער אלטער פערד ליעבט מיך זויא שרעקליך, דאס צוליעב מיר האט ער פון זיין הויז זיין איינציגען זאהן פערטריבען, וועלכער איז מיר וויא אביין אין האלז געשטאנען .... דאגעגען איך האססע איהם וויא דעם טויט .... איך וואלט שוין גערן דער לעבען דיא מינוט ער זאל איינגעהמען אמיתה משונה, אונ דוא, מיין הערץ, זאלסט זיין שטעלע פערטרעטען .... ליידער איז ער נאך געזונד וויא אייזען .... איך האב איהם ערצאהלט, דאס איך האב אין רוססלאנד איין ארעמען ברודער אונ איך וואלט פערלאנגט ער זאל אהער קומען .... מיין אלטער אכם האט זיך אנגעהאפט מיט הענד אונ פיסס אונ גלייך האט ער מיר אשיפסקארטע מיט רייזע קאסטען געגעבען, וועלכע איך לייג היערביי. וויא ערינסט ער וויל דוא זאלסט קומען, וועסט דוא זעהן פון בריעף, וועלכען ער שרייבט צוא דיר .... געוויס פערשטייסטו, דאס קומענד אהער, מוזט דוא אברודער ראלע שפילען .... אונ גלייך וויא דוא וועסט מיין בריעף ערהאלטען, זויא קום שנעל נאך לאנדאן, דען מיט דעם גרעסטען אונגעדולד ערווארטעט דיך, דיין היים—געליעבטע אונפערגעסענע מאשע". —

— לעבען זאלסטו, מיין פינפטע ווייב, — האט פייפקע ענטציגט געזאגט בעטראכטענד דיא שיפסקארטע מיט דעם אנווייזונג אויף 100 רובל — דוא, מאשעלע, ביזט דיא קלינסטע אונ בעסטע פון מיינע אלע ווייבער, וועלכע מעגען פאר דיר דיא כפרה ווערען .... ניט אומזיסט האסטו, מיין אשת חיל, אימער געוואלט נאך אויסלאנד פאהרען .... לעבען זאל דיין קאפ .... נאר איך וועל זעהן וואס מיין אגער (שוואגער) שרייבט מיר .... אונ פייפקע האט אויף דער צווייטער זייט בריעף דיא ווערטער געלעזען:

„ליעבער אונבעקאנטער שוויגערברודער!

געוויס האט איהר אלעס ריכטיג ערהאלטען, ביטטע גלייך צוא קומען, דען מיט אפענע ארמען ערווארטעט אייך אייער טרייער אונבעקאנטער שוויגערברודער, וועט אייך אימער שעטצען אונ עהרען.

ד. לעווי". —

— זעהר פיין פון דיין זייט — האט פייפקע שפאטיש געזאגט — איך וועל דיר צוליעב טאהן אונ קומען צו נעהמען דיין אלטע נשמה, דער פאר וואס דוא האסט מיין ווייב צוגענומען .... עס וועט ארוח אין דיין .... פייפקע האט געמאכט זיין שטענדיגע ברכה אונ איז אריין

אין ערשטין צימער, וואו בערקע מיט שווינדלען, אויף דער דריטער, האבען אלעס געערדט וועגען היינטיגען פייפקעס וויזיט בייא דעם אלטען ראזענבלאט. אלע וואַרען צופריעדען, דען זייא איז געפעלען דער טייפעלשער פלאן. — — —

3

דער אונערשראקענער באנדיט.

איינער פון דיא בעריהמטע נולבילער גבירים וואר אברהם ראזענבלאטט. אלטע לייט ערצעהלען, דאס ראזענבלאט איז קיין נולבילער געבירטיגער, נאר אלס ער וואר נאך איונגער מאן האט ער זיך מיט זיין פרויא, אסתר, אונ מיט פיער קליינע קינדער בעזעצט אין נולביל, וואו ער האט גרויסע געשעפטען געפיהרט אונ דאס גליק האט איהם בעשטראהלט אויף שריטט אונ טריטט. מיט פונפצעהן יאהר צוריק, אלס דיא בעוואוסטע עפידעמיע (חלי-רע) האט געהערשט אין נולביל, זיינען איהם צוויא זיהן געשטארבען אונ איבערגעלאסט זייערע עלטערין אין יאמער אונ טרויער. אין דער לעצטער צייט האט ראזענבלאטט אוועק געווארפען זיינע גרויסע געשעפטען אונ זיך רוהיג מיט זיין פרויא געלעבט פון זיין גרויסען קאפיטאל, מעהר קיינע קינדער האט ער ניט געהאט, אויסער הדסה׳ן מיט שיינע׳ן, וועלכע יעדער האט פאר זיינע טעכטער גערעכענט. אלע נולבילער איינוואוינער האבען ראזענבלאטען געשעטצט אונ געאכט, דען כמעט דיא גאנצע שטאט האט פון איהם פיעל טובות געהאט, זיין נדבה וואר דיא שענסטע אונ דיא ערשטע, פיעל יתומים האט ער חתונה געמאכט אונ ביז היינטיגין טאג האלט ער אויף איניגע ארעמע פאמיליען.

ראזענבלאט איז אמאן פון עטליכע זעכציג יאהר, הויכגעוויקסיג, פעסט געבויעט, זיין אדעלעס געזיכט, זיין לאנגע וויא שנעע ווייסע בארד, זיינע קלוגע אויגען, אין וועלכע עס האט זיך אפגעשפיעגעלט זיין גוט הערץ, האבען אין יעדען איינעם איינגעפלאנצט ליעבע אונ אכטונג.

זיין גוטע פרויא, אסתר, וואר ניט יונגער אונ ניט ערגער פאר איהר געמאהל: אויף אלע ארעמע חתונות וואר זיא דיא ערשטע; זיא וואר פול אין אלע האספיטעלער, אין אלע ארעמע הייזער אונ וואיזענ־אנשטאלטען, וואו יעדער האט איהר מוטער גערופען.

מיר וועלען אויף איניגע מינוט אין ראזענבלאט׳ס רייכען וואוינונג.

אביין געהן, וואו מיר וועלען פיעל זעהן אונ הערען.

עס וואר עלף אוהר ביא נאכט; דיא אלטע פאאר שלאפען נאך ניט אונ פיהרען פאלגענדען געשפרעך:

— וואס זאגסט דוא, אברהם? — האט דיא אלטע נאכדענקענד געזאגט — איז ריכטיג בעשטימט, דאס מארגען זאל איך נאך נאַיאב פאהרען?

— ניט אנדערש — האט אברהם געאנטווארטעט — שיינע וועט דיא פינסטערע נאכריכט ניט אריבער טראגען .... דוא מוזט איהר אהער נעהמען.

— אונ וואס הערט זיך פון שארלאטעס רויבער? ביזט שוין איין שפור דער גאנגען?

— ליידער איז ער וויא אין וואססער פאר שוואונדען, גאר איך וואלט בעססער וועללען שארלאטען געפינען, גאטט ווייס צוא זיא לעבט ....

א, איין אונגליק! איין אונגליק! — האט אסתר מיט טרערין אויס גערופען — אתל איז נעבאך פון דיא ארעמע קינדער געווארען .... פיללייכט שטראפט אונז גאט פאר יענער זינד, וועלכער דוא ביזט מיט דרייסיג יאהר צוריק בעגאנגען .... ווייל עס קען זיין, דאס יענער איז איין יוד וויא אלע יעקב'ב קינדער אונ איז אונגליקליך ביז היינטיגען טאג .... א, גאט! פאר דער גרויסער זינד האבען מיר שוין אונזער שטראף בעקומען, אבער וואס זיינען דיא ארעמע אונשולדיגע קינדער שולדיג?

— אסתר! — האט דער אלטער מיט טרערען געזאגט — ערוועק מיר ניט דיא אלטע וואונדען .... געה שלאפען, דען עס איז שוין שפעט אונ איך וועל נאך אייניגע בריעף שרייבען. —

דיא אלטע פרויא האט איהרע פייכטע אויגען אויס געווישט אונ איז אין איהר שלאפצימער געגאנגען.

זעהר פערטראכט איז ראזענבלאט נאך זיין ווייב'ס אוועק געהן געזעססען.

— דער גאנצער אונגליק שטאמט פון דעם שורקע, אווגוסט, שארלאטעס פערפיהרער .... — האט דער אלטער צוא זיך טרויעריג געזאגט — איך בעדויער זייער, וואס ער איז דאן פון אונזערע הענד ארויס .... א, ווען איך זאל האבען דאס גליק איהם צוא האפען! ....

— אייער וואונש זאל ערפילט ווערען! — האט איין שטימע געדאנערט, אונ אריינגעקליידעטער פראנט איז פלוצלונג אריין אין ראזענבלאטס צימער.

— איהר האט יעצט דאס גליק אייער פיינד צוא פאנגען — האט דער פראנט אהנע שרעק שפאטיש געזאגט אונ זיך אויף א שטוהל געזעצט — גאט האט אייער געבעט דער הערט .... נאר איך דענק, דאס איהר ווערט אייער שארלאטעם געמאהל אלס בעסטען גאסט עמפפאנגען ....

— ווער — זיינט — איהר? — האט דער אלטער ראזענבלאט גע-שטאמעלט אונ לייכענבלאס געווארען — ווער — האט — אייך — ערלויבט — אהער — אריין — צוא — קומען ....?

— א שיינע פראגע חלעבען .... — האט דער באנדיט טייפליש געלאכט — אריין צוא געהן צוא איין אייגענעם דארף מען ערלויבנים האבען? ערקענט איהר דען ניט אייער שארלאטעם געמאהל?

— איך דער קען דיך באנדיט! — האט דער אלטער שוין דרייסטער געזאגט — איך ווייס שוין ווער דוא ביזט .... נאר דיין יעצטיגער בעזוך ווערט דיך אין דיא הויכע פענסטער פיהרען ....

ביא דיא ווערטער האט ער געוואלט געהמען דאס גלעקיל, וועלכעס איז אויף דעם טיש געשטאנען, נאר פייפקע האט עס באמערקט אונ דאס גלעקיל צוגענומען ....

— קיים ווערט איהר זיך פון ארט ריהרען — האט פייפקע דעם אלטען אין אויער איינגערוימט — וועל איך אייך וויא א הונד שיסען!....

זאגענדיג דיא ווערטער, האט ער איהם א געלאדענעם רעוואלווער געצייגט....

— אבער — וואס — פערלאנגסטו — פון מיר? — האט דער אלטער ציטערנדיג געפרעגט — ווארום — ביזטו — געקומען — שטערען — דיא רוהע — פון — איין — אלטען שוואכען מאן?

— איך וויל מיט אייך געשעפט מאכען — האט דער באנדיט קאלט-בלוטיג געאנטווארטעט — איהר ווערט פון מיר צופריעדען זיין ....

— איך וויל מיט אזעלכע מענשען קיינע געשעפטען האבען! — האט ראזענבלאט אויסער זיך פון צארען געזאגט — איך בעט אייך מיט גוטען פערלאסט מיין הויז ....

— אונ איך וויל דורך אויס מיט אייך דעם געשעפט מאכען .... פערשטייט איהר מיך, רבי אברהם, איהר זיינט איין אלטער מאן, וועלכער דארף באלד שטארבען .... איהר האט צוויא מויערען מיט אשראנק טויזענדער .... אונ איך יונגער מענש, וועלכער דארף לעבען, האב גאר ניט .... איז עס איושר? איך וויל זיך טהיילען מיט אייך

דיא הייזער נעמט אייך און אייערע טוויזענדער גיט מיר .... איך קען דאך
ביידע ניט פערלאנגען ....

— שורקע! — האט דער אלטער פערצווייפעלט אויס געריפען —
ווילסטו מיך בערויבען? איך ....

מעהר האט דער אלטער ראזענבלאט ניט גיקענט ריידען, דען
דער באנדיט האט זיינע אייזערנע פינגער אין אלטענס האלז איינגע-
קלאמערט, דאס דער אונגליקליכער איז גלייך אין אונמאכט געפאלען ....

באלד זיינען נאך איינגע פערמאסקירטע באנדיטען אריין אין
צימער, וועלכע האבען דעם אלטען געבונדען און ארויס גערוימט
אלעס וואס עס וואר נאר אין שטוב, אויך דער ערשראקענער אסתר
וועלכע האט אלעס מיט שרעק געהערט און מיט קיין גליעד גיקענט
ריהרען, האט מען פעסט געבונדען און איהר מויל מיט איין טאשען-
טוך פערשטעקט, אום זיא זאל ניט קענען שרייען .... אמענדע אלס
דיא באנדיטען זיינען פערטיג געווארען מיט דער קאססע, האבען זייא
דאס הויז פערלאסט. — — — —

אין דער פריה האט גאנץ נולביל געקלונגען מיט דער נייעס,
דאס אין דער נאכט האבען דיא „חברה קאלייקע“ דעם אלטען
ראזענבלאטט'ן בערויבט, יעדער האט דעם באנדיט, פייפקע, אפ
געמאהלט מיט שרעקליכע פארבען .... יעדער האט ערצעהלט, דאס
מען האט ראזענבלאטט'ן צוא זאמען מיט זיין פרויא געפונען געבונדען
אין זייער וואוינונג און פון שרעק זיינען זייא קראנק געווארען .... זעהר
טיכטיג האט דיא נולבילער פאליציייא געארבייט, אום דיא באנדיטען
צוא פאנגען, צום בעדויערען זיינען זייא קיין שפור פון דיא שורקען
דער גאנגען .... אלע איינוואוינער האבען געציטערט פאר דער באנדע
שטאט רויבער, איבער הויפט פאר זייערען אנפיהרער, דער אונגע-
שראקענער באנדיט. —

4

צוא דער פינפטער ווייב.

אין איניגע טעג ארום, נאך דער בעשריבענער בעגעבענהייט,
האט ליב שווינדעל געמאכט אגרויסארטיגען באאל.

אין איין גרויסען פערשלאסענעם צימער, בייא אלאנגען טיש,
אויף וועלכען עס איז פיעל פלעשער געשטאנען, זיינען בענאהע דרייסיג
מאן מיט פערגאסענע אויגען געזעסען און פערגעניגענט געטרונקען איין

גלאז נאך דער אנדערער; אלע ווארען פרעהליך; יעדער איינער האט ערצאהלט פון זיינע גבורות···· פייפקע מיט בערקען, דיא אנפיהרער פון דער באנדע, זיינען אויבען אן געזעסען אונ שווינדעל האט וויא איין עהרליכער יוד, דיא תלמידי חכמים בעדיענט···· וועלכע׳ער האט געשמייכעלט אונ רעספעקטירט.

— חא! חא! חא! — האט בערקע ווילד געלאכט — ווען איך ערמאן זיך אין דער פארגעסטערענדיגע סצענע, האלט איך זיך בייא דיא זייטען פון געלעכטער···· בראווא, פייפקע! דוא ביזט א וואהרער העלד···· מיר האבען מיט דיר געטראפען···· איך האפע צוא גאט, דאס דיא נולבילער געלדזאק וועלען גיך צוא אונז איבער געהן···· אלע ציטערען פאר דיר, וויא פאר דעם מלאך המות···· איך טרינק פאר דיין געזונדהייט! עס לעבט אונזער יונגער גענעראל, ריקקער! וויוואט!

אלע האבען זייערע גלעזער אנגעשלאגען אונ זייא מיט איין שלונג גאנץ לער געמאכט····

— וויא געפעלט דיר, בערקע, דער אלטער הונד? — האט ריקער טריאומפפיהרענד זיין פריינד געפרעגט — ער האט געמיינט, אז אגע-בראטענע טייבעלע איז איהם אין מויל געקומען···· דאס ער וועט אהנע מיהע מיך אין דיא הויכע פענסטער טראנספארטירען···· אבער איך האב איהם גוט בעצאהלט פאר דער ווארשעווער סצענע···· זאל ער וויסען וויא מיט גוטע ברידער אנצופאנגען···· ער וועט שוין פאר שפארען זיין אשפור-הונד אונ אונז זוכען מיט שמירות···· (פאליציע) ציטטער, אלטער הונד, פאר אונזער מעכטיגער קאמפאניע! עס לעבע דיא „קאלייקע“! ווייטער האבען דיא בעטרונקענע שורקען זייערע גלאזער לעער געמאכט אונ דעם יונגען גענעראל אין דער לופטען געהויבען, נאר פלוצלונג זיינען אלע שטיל געווארען, דען ליב שווינדעל האט זייא געווארענט, דאס מען קלאפט אין טיהר····

— קקטאאא טאאאם! (ווער איז דארט) — האט שווינדעל גיט מיט זיין שטימע געפרעגט אונ זיין בעזויפטער קערפער האט זיך שטארק געוואקעלט — צוא — ווען — דארפט — איהר?

— עפענט, רבי ליב — האט זיך געהערט איין באקאנטע שטימע — האט קיין מורא···· פאר איין אלטען גוטען ברודער דארף מען זיך ניט שרעקען····

— איינער פון אונזערע ברידער — האט שווינדעל שוין רוהיגער צוא דער ערשראקענער באנדע שטיל געזאגט אונ דיא טיהר אויף געשלאסען.

אין צימער איז איינגער מאן איינגעוויקעלט אין לומפען מיט איין יונגער פרויא אריין געקומען .... קוים האט זייא פייפקע באמערקט, איז ער שרעקליך בלאס געווארען און ערשטוינט אויס געררופען:

— זרח׳קע! גיטעלע!

— דאס זייגען מיר! — האט זרח׳קע וויטהענד געשריען, וועהרענד זיינע אויגען זיינען וויא בלוט געווארען — מיר האבען דיך געפונען מערדער! דוא ביזט אגאנצער קנאקער געווארען, ארוח אין דיין מאטען! איך וועל דיך וויא אוואנץ צורייבען! איך וועל דיר בעצאה־לען פאר מיין ארימער שוועסטער, וועלבער, דוא גנב, האסט אזויא אונגליקליך געמאכט! דיין בלוט מוז איך זעהן פאר דיין מערדעריי געגען מיר אין ווארשא .... מיין טויט אדער דיינער! איינער פון אונז מוז שטארבען! ....

— בערוהיג זיך, זרח׳קע, האט שווינדעל געבעטען און געוואלט אשלום מאכען — פייפקע איז אגוטער ברודער .... איך וועל אייך אויס גלייכען ....

— זאל מען איהם אויס גלייכען אויפ׳ן טארע (טהרה) ברעט! — האט זרח׳קע געדאנערט — ער איז איין אויס וואורף, איין סליחה׳נער! .... (מסר) ער וועט אייך אלע אונגליקליך מאכען .... הערט, ברידער, וויא ער האט געגען מיר און געגען מיין איינציגער שוועסטער גע־האנדעלט! זרח׳קע האט זייא ערצאהלט דיא געשיכטע מיט שארלאטען אויך פון ווארשעווער דועל און גיענדיגט מיט דיא ווערטער: נסים האב איך געהאט, וואס דער ווירטה פון שענק האט מיך ערמונטערט, זאנסט וואלט איך דאן געשטארבען .... היינט זאגט, ברידער, דארף מען אזא הונד לאזען לעבען? ניין, איהר זענט אלע ניט זיכער! .... זיין טויט זאל זיין! .... זיין טויט! ....

ביא דיא ווערטער האט זיך זרח׳קע וויא אווילדער טיגער אויף פייפקען ארויף געווארפען און אשרעקליכער קאמפף אויף לעבען און טויט איז צווישען ביידע באנדיטען ענטשטאנען. ביידע האבען וויא וויטהענדע טהיערע געברוהמט, ביידע זיינען געווארען מיט בלוט פער־גאסען, ענדליך, האט דעם גערייצטען זרח׳קען געלונגען זיין בלוטיגען פיינד אויף דער ערד צוא שליידערען און געוואלט זיין שארפעס מעסער אין פייפקעס הערץ אריין ריקען.

— האלט! האט בערקע געדאנערט — זאלסט ניט וואגען אונזער פייפקען צוא ערמארדען!

זאגענדיג דיא ווערטער, האט ער אזעלכע פעסטע קלאפ זרח׳קען איבערין קאפ געגעבען, דאס דער לעצטער האט געמוזט זיין געגנער

(פיינד) אויף אמינוט אבלאזען אונ זיך נעהמען צוא זיין נייעם פיינד.

צווישען דער גאנצער באנדע איז אוואהרער בלוטיגער שטרייט געווארען: טהייל האבען געהאלטען פאר פייפקען אונ טהייל פאר זרחקען, פלאשער מיט גלאזער זיינען וויא האגעל געפלויגען, אללע האבען זיך געבאדען אין זייער בלוט, אלס דיא ערשראקענע גיטעלע האט דער זעהען איהר פערבלוטיגטען ברודער, איז זיא שנעלל ארויסגעלאפען אויף דער שטראססע אונ פערצווייפעלט געשריען:

— רעטעט! געוואלד! פאליציע! אין דעם הויז געפינען זיך אבאנדע רויבער! רעטעט!

אויף איהר געשרייא איז זיך דיא גאנצע שטראססע צונאנד געלאפען.

באלד האט דיא פאליציע דאס הויז בעוואכט, וואו מען האט געפונען אללע באנדיטען פון דער שרעקליכער „קאלייקע".

גאנץ נולביל איז געלאפען זעהען וויא מען פיהרט דיא שטאדט-רויבער בעוואכט מיט מיליטער. אין איינינע טאג ארום האט מען נאך פיעל פון דער באנדע ארעסטירט אונ אין אקורצער צייט האט מען אללע אויף לעבענסלאנג נאך סיביר פערשיקט.

וואהרענד פאליציע איז בעפאללען שווינדעלס הויז, איז דרייא באנדיטען געלינגען צוא אנטלויפען. . . דאס וואר: בערקע, זרחקע אונ פייפקע, דיא ערשטע צווייא זיינען אין רוססלאנד פערבליבען אונ דער לעטצטער איז אוועק צוא דער פינפטער חייב . . .

5.

ווער איז ער?

— וואו איז שארלאטא? — האט דניאל זיין פרויא געפרעגט, אלס ער איז אהיים געקומען מיטטאג עססען — איז זיא יעטצט צופריעדען פון איהר מאדיסטקע? מאכט זיא גוטע פארשריטטע אין דער ארבייט?

— יא, מיין מאן, זיא איז גאנץ פריה צוא דער ארבייט געגאנגען . . . איך זאג דיר דניאל, עס רייסט מיר אוים דאס הערץ קוקענדיג אויף איהר, וויא זיא ווערט שוואכער פון טאג צוא טאג. וויפיעל איך האב זיך שוין בייא איהר צוא בעטען, זיא זאל ניט

געהן

געהן צוא קיין ארבייט, אבער עס העלפט קיינע רייד . . . דאס ארענט-
ליכע קינד וויל ניט אומזיסטע ברויט און ארבייט מיט אללע קראפטען
אום זיך צוא ערנאהרען. —

— א, וואס פאר איין אדעלען כאראקטער זיא האט! — האט
דניאל געזאגט — איך ווייס וויא שווער איהר איז דיא ארבייט, וועלכע
זיא האט זיך זאגאר אין טרוים (חלום) ניט פארגעשטעלט, דען וויא
עס זעהט אויס האבען איהר דיא עלטערן אללעס געלעהרענט אום
ניט צוא קענען . . . געוויס געדענקסט דוא, מיין ווייב, אלס שארלאטא
איז געזונד געווארען און גענומען דענקען וועגען איהר עקסיסטענץ,
האב איך איהר דאן געפרעגט, צוא זיא בעזיטצט גוט דיא רוססישע
און דייטשישע שפראכע, אויף וועלכען זיא האט מיר געאנטווארטעט,
דאס אויסער דיא צוויא שפראכען האט זיא פראנצויז, אויך קלאוויר
שפיעלען געלערענט . . .

איך בין גלייך אין שטאדט געלאפען צוא מיינע רייכע בעקאנטע,
וועלכע קויפען בייא מיר פיש און איהר בייא זייא איינינע שטונדען
געשאפט, פון וועלכע זיא וואלט געקענט האבען פונפציג רובעל
מאנאטליך . . . איך האב זיך דאן זויא געפרייד, גלייך וויא איך וואלט
דאס גרויסע געווינס געוואנען און שטעל זיך פאר מיין שאנדע, אלס
דער רייכער טעמקין האט מיך אויף דער שטראססע בעגעגענט און
לאכענדיג מיר געזאגט:

— „אשיינע לעהרערין האסט דוא, דניאל מיר געשאפט . . . מיין
פינפיאהריגע סאבינע קען פיעל מעהר פאר איהר" . . .

דאס גאנצע בלוט איז מיר דאן אין געזיכט געקוממען . . . דאך
האב איך אויף אללעם ניט געקוקט און האב איהר געשאפט איינינע
שטונדען אויף קלאוויר שפיעלען, וואו מען האט איהר נאך דער
ערשטער לעקציאן ענטזאגט, ווייל מען האט איהר קיין זאך ריכטיג
געלעהרענט, וויא דיא מאדע איז בייא אונזערע יודען, מען לערענט
אללעס און מען קען גאר ניט . . . יעטצט דענק איך דארף זיא דיא
ארבייט פלייסיג לערנען און מיט דער צייט וועט זיא קענען שאן
געלד פערדיענען. —

— און איך וואלט דיך ראטהען, מיין מאן, דוא זאלסט היינט
מיט איהר איבער ריידען, זיא זאל ניט געהן צוא דער ארבייט . . .
איך קען ניט זעהען, וויא זיא קומט בייא נאכט אהיים ניט טויט ניט
לעבעדיג, זיא קען ניט ריהרען מיט קיין האנד און שטעהן אויף דיא
פיסס . . . יעדען אבענד שמיער איך איהרע האנד מיט גאזע; דיא
נעה-מאשינע רויבט איהר לעטצטע קראפטען, דען וויא עס זעהט אויס
איז זיא צארט ערצויגען געווארען בייא רייכע עלטערן, וועלכע האבען
איהר

איהר ניט ערלויבט קיין זאך צוא טהון... ווערסט זעהען, דניאל, מיר וועלען אויך אהן איהרע פערדיענסטען פון הונגער ניט שטארבען, איהר עססען זעהט זיך גאנץ איינציג אן. —

— איך פערשטעה דיך ניט, חנה, — האט דניאל מיט איין פארוואורפע געזאגט — צוא האב איך דען מיט איהר וועגען דעם דאס ערשטע מאל גערעדט? ווייסט דוא דען ניט, דאס זיא וויל אויף אונז דעם לאסט ניט ווארפען? גלויב מיר, איך וואלט צופריעדענער געוועזען, ווען זיא זאל זיטצען אין שטוב אונ קוממען צוא איהרע קרעפטען, אבער צווינגען איהר דער צוא קען איך ניט, בעזאנדערס, זאל זיא קענען איין ארבייט, דען ווער ווייסט וואס שפעטער וועט זיין? דיא ארבייט קען איהר אמאל פיעל נוטצען ברענגען. —

— דוא האסט רעכט, דניאל, נאר זאג מיר, קענסט דוא ניט בייא איהר ערפאהרען, ווער איהרע עלטערען זיינען?

— איך האב איהר שוין איינינע מאל געפרעגט, לײדער וויל זיא עס מיר ניט זאגען... אונ פיעל פרעגען וויל איך ניט, דען איך זעה, דאס מיינע פראגען קאסטען איהר געזונד... גענוג אונז וועגען דעם צוא רײדען, יעטצט פערטרעטען מיר דיא שטעללע פון איהרע עלטערען; געה, חנה, גרייט איהר עטוואס צוא, דען זיא וועט באלד קוממען מיטטאג עססען,

חנה איז אין קיך געגאנגען אונ מיט איהר שירץ האט זיא אונטערגעבלאזען דאס פייער, דניאל האט נאך זיין מיטטאג אבגע-בענשט אונ אין איינינע מינוט ארום האט זיך דיא ניעדעריגע טהיר גיעפענט, אונ איונגע שאנעס פריילין מיט איין בלאססעס געזיכט איז אריין אין צימער.

— וואס מאכסט דוא, שארלאטקע? — האט דניאל צארטליך געזאגט, דריקענד שארלארטעס ציטערענדע האנד — וואס ביזט דוא זויא בלאסס? דיין הערץ קלאפט מאכטיג אונ ציטערסט מיט'ן גאנצען קארפער? ביזט דוא ניט געזונד? שאדט דיר פיללייכט דיא ארבייט? איך וואלט דיך ראטהען, דוא זאלסט ניט מעהר געהן צוא דער ארבייט, איך וועל פאר דיר וויא אטרייער פאטער זארגען, גאט זייא דאנק קיין ברויט פעהלט ניט.

— איך — דאנק — אייך — גוטער — מענש... — האט שארלאטע געשטאממעלט אונ זיך קוים אנידערגעזעטצט — דיא ארבייט שאדט מיר ניט, נאר איך האב אשלעכטע בעגעגניס געהאט...

— וועמען האסט דוא, טאכטער, בעגעגענט?

— איין בעקאנטען אויס אונזער שטאדט...

— איך פערשטייא דיך ניט, שארלאטא, — האט דניאל לאכענד

געזאגט

געזאגט — וויא ערשרעקט מען זיך פאר איין בעקאנטען מענשען? פערקערט, דוא האסט בעדארפט אב געהמען אגרוסס פון דיינע עלטערען . . .

— ווען איהר, מיין וואלטהאטער, זאלט וויסען וויא אללע האבען מיך בעניידעט, אלס איך האב מיט דעם שארלאטאן געהייראט, וויא אוים נייד (קנאה) האב איך זיך פיעל פיינד געקויפט, וואלט איהר אנדערש געאורטהיילט . . איך קען אייך זאגען, דאס אלס איך בין פון דער מאדיסטקע געגאנגען אונ זיך מיט דעם בעקאנטען בעגעגענט, איז מיר דאס גאנצע בלוט פערקיהלט געווארען . . . איך בין פון איהם אנטלאפען וויא פון פייער . . . איהר קענט פון מיר לאכען וויפיעל אייך גלוסט, אבער מיין שאנדע איז זעהר גרויס . . . איך פירכטע נאר, פיללייכט האט ער מיך דער קענט אונ צוליעב דעם דענק איך מארגען פון היער אבצורייזען . .

— חא! חא! — האט דניאל ביטער געלאכט — אויף מיין ווארט, דוא ביזט נאך אקינד . . . דענקסט דוא צוליעב אזא נאררישקייט אונז אוועק צווארפען? ווייסט דוא דען ניט, דאס מיר ליעבען דיך וויא איין אייגען קינד אונד אהן דיר זיינען מיר ווייטער עלענד?

— איך דאנק אייך זעהר — האט שארלאטא מיט טרעהרען ערוויעדערט — איך ווייס וויא טהייער איך בין ביא אייך אונ דאס זעלבע זיינט איהר אויך ביא מיר; שווער וועט מיר זיין זיך מיט אייך, מיינע וואלטהאטער, צושיידען, נאך שווערער וויא מיט מיינע אייגענע עלטערען, לייד קען איך ניט מעהר דא בלייבען, דען איך וועל דער מיט מיינע עלטערען שאנדע מאכען . . . איך וועל עס ניט אריבערטראגען, ווען מיין גוטער פאטער וועט דער פון ערפאהרען . . .

— רעכענסט דוא דען, דאס מיר זיינען זעלבע ניעדריגע מענשען אונ ווען דיין פאטער וועט ערפאהרען, דאס דוא געפינסט זיך ביא אונז וועט ער שאנדע האבען?

— א, גאט! האט שארלאטא אויסגערופען — וויא קענט איהר דיא ווערטער פאר אייער מויל ברענגען? איך דענק, דאס נאך אזעלבע גוטהערציגע מענשען, גיבט ניט אויף דער וועלט . . . עוויג וועל איך אייך ניט פערגעססען.

— אלזא וואס דען? — האט דניאל אבערמאלס געפרעגט — ווילסט דוא, פיללייכט פאהרען צוא דיינע עלטערען? איך וועל דער פון דיא גרעסטע פערגעניגען האבען אונ דיך אבפיהרען, אויב דוא וועסט עס מיר ערלויבען.

ביין

— נײן, מײן פרײנד — איך דענק נאך אויסלאנד צוא פאהרען... נאר דארט װעל איך מײנע לײדען פֿערגעסען...

— נאך אויסלאנד? — האט דניאל מיט חנה'ן אין אײן שטימם גע-פֿרעגט — נײן, שארלאטא, דאס װעלען מיר דיר ניט ערלויבען! ניט פאר דײנע קראפטען איז אויסלאנד, בעזאנדערס װאס װעסט דוא דארט טהון?

— איך װעל ארבײטען גלײך מיט אללע — האט שארלאטא מיט אראבגעלאזטע אויגען געאנטװארטעט — דא בעצאהלט זיך ניט דיא ארבײט, דא איז דיא ארבײט אשאנדע, װאהרענד דארט קען מען פיעל מעהר פֿערדיענען אונ דיא אינדוסטריע (ארבײט) שטעהט גאנץ הויך. איך האבע בײא מײן מאדיסטקע אײניגע בריעף פֿון איהרע אגעװעזענע ארבײטערין געלעזען, װעלכע איז ניט לאנג אהין גע-פֿאהרען אונ לעבט דארט גליקליך... איך בעט אײך, מײנע רעטער, צװינגט מיך ניט איך זאל, בעהיטע גאט, האנדלען געגען אײער װיללען, דען אויף קײנעם פֿאלל קען איך דא ניט פֿערבלײ-בען: יעדער טאג װעט מיר אײן יאהר לעבען אװעקרויבען אונ איך דענק, דאס מײנע גוטע װאלטהאטער װעלען ניט פֿערלאנגען איך זאל בעצאהלען מיט מײן יונגעם לעבען.

— אבער אין גאטעס װיללען, מײן קינד! האט חנה מיט טרעה-רען געזאגט — װאוהין װעסט דוא עלענדע פאהרען אונ װאו װעסט דוא נעהמען רײזעקאסטען?

— פֿון דיא גוטע צײטען איז מיר א טהײערער רינג געבליעבען, װעלכען דער באנדיט האט ניט געקענט פֿון מײן פֿינגער אראפנעהמען... איך האב דאן פֿון שרעק זאגאר אין איהם פֿערגעססען, זאנסט װאלט איך פֿילליכט צוא דעם אללעם ניט געקומען... יעטצט װעט ער מיר זעהר נוטצען... איך װעל איהם פֿערקויפֿען אונ האבען גענוג רײזע קאסטען ביז לאנדאן.

— איז דאס דײן לעטצטעס בעשטימטעס װארט? — האט דניאל נאכדענקענד געפֿרעגט.

— מײן לעצטעס װארט, װעלכעס איך װעל ניעמאלס צוריק נעהמען.

— אלזא, מײן טאכטער, דוא דארפֿסט דײן רינג ניט פֿערקויפֿען, איך װעל דיר אויסלײהען רײזע קאסטען ביז לאנדאן אונ װען גאט װעט דיר גוטע פֿערדיענסטען געבען, װעסט דוא מיר דיא עטליכע רובעל אב שיקען.

— גוטער מענש! האט שארלאטא מיט טרעהרען געזאגט אונ דניאלס האנד געקושט — ניעמאלס װעל איך אײך, מײנע שיטצער,

פֿערגעסען

פערגעסען! עוויג וועל איך פאר אייך גאט בעטען אונ יעדער וואך וועט איהר פון מיר בריעף ערהאלטען, נאר געלד לייהען וויל איך ניט ביי אייך, איך נאטהיג זיך ניט אין רינג, וועלכער וועט מיר אימער מיינע זינד ערזאינערען . . . איך בין אייך זויא אויך גענוג דאנק אונ געלד שולדיג . . . איהר האט מיר, וויא טרייע עלטערען, נייע קליידער אונ וועש געמאכט, וואס נאך זאל איך פון אייך פערלאנגען? ווען קען איך אייך פאר אללעס צאהלען אונ אבדאנקען?

— גענוג, טאכטער, וועגען דעם צוא ריידען — האט חנה טרויעריג געזאגט — געה בעססער עססען אונ רוהע זיך אויס, זאממעל קראפטען פאר דער קינפטיגער צייט . . . גאט זאל דיר געבען, זאלסט דארט דיין גליק געפינען אונ בעססער אויסשפיעלען פאר מיין אונגליקליכער שוועסטער, וועלכע איז אויך אוועק נאך אויסלאנד אונ שוין מעהר אלס צוואנציג יאהר, אז איך האב פון איהר קיין ווארט געהערט . . . גאט ווייס צוא זיא לעבט, צוא איך וועל נאך אמאל דאס גליק האבען איהר צוא זעהען . . .

אין אכט טאג ארום איז שארלאטא נאך ליבאוו געפאהרען, דניאל מיט חנהן האבען איהר ביז צום וואקזאל בעגלייט אונ אללע דרייא האבען פיעל טרעהרען פערגאסען.

— איך בעט אייך, פאטער, — האט דיא פערזאמערטע שארלאטא צוא דניאלן געזאגט, אלס עס האט זיך דער צווייטער קלונג געהערט — שיקט איבער דיא בריפפע לויט אדרעססען, דען איך האבע גראדע קיינע פאסטמארקען . . .

דניאל האט איהר דאס פערשפראכען אונ דיא בריפפע אין קעשענע געלייגט, באלד האט זיך דער דריטטער זוואנאק (קלונג) געהערט, שארלאטא האט איהרע וואלטהאטער אבערמאלס ארומגענוממען אונ זייא מיט טרעהרען דעם לעטצטען „לעבט וואהל" געזאגט, ענדליך, אלס שארלאטא איז אריין אין וואגאן האט דער צוג פון ארט געריהרט.

— פאהר געזונד! שרייב בריף! — האבען דיא פערוויינטע אלטע פאאר איהר נאכגעשריען . . .

— ווער זיינען דיא בריעף? — האט דניאל טרויעריג צוא זיך געזאגט, אלס ער איז אהיים געקוממען — איינער איז אדרעססירט צוא העררן מרדכי בלומענטהאל אין לעקץ אונ דער צווייטער, נאך לובלין צוא אגעוויסען אברהם ראזענבלאטט . . . אברהם ראזענבלאטט? — האט דניאל נאכדענקענד ווידערגעהאלט — דער נאמען איז מיר גוט בעקאנט . . . פיללייכט איז דאס ער . . .? איז עס מיגליך . . .? קען

דען אצווייטער זיך ניט רופען מיט דעם זעלבען נאמען . . . ? נאר מיין הערץ פראפהעטצייהעט מיר עטוואס . . . איך וועל דאכט זיך פאהרען נאך גיולביל . . . איך מוז ערפאהרען, ווער איז ער ? . .

6.

דער שטרייגער פאטער.

לעבען רייכען לאנדאנער פאבריקאנט, מיסטער דייוויס לעווים, הויז זיינען פיעל טהייערע עקיפאזשען געשטאנען ; דיא פראכטפאללע זאאל וואר גרויסארטיג איללומינירט ; ביא אריינגעדעקטען טיש, אויף וועלכען עס האבען ניט געפעהלט געשמאקע שפייזען אונ טהייערע געטראנקען , זיינען פיעל רייכע געסט געזעסען , וועלכע האבען ניט שלעכט געקנאקט מיט דיא ציין . . . אללע האבען זיך געפרייד מיט לעווים נייגעקוממענעם גאסט , זיין יונגער פרוי'ס ברודער, צוליב וועלכען מיסטער לעווי, האט אגרויסארטיגען באאל געמאכט . . . אונ ביז צווייא אוהר האבען אללע פערגעניגענט פערבראכט.

— עס פרייט מיך זעהר, ליעבער שוויגערברודער , — האט לעווי פרעהליך געזאגט , אלס דיא געסט זיינען זיך צוגאנגען — וואס איהר האט מיין ביטטע ערפיללט אונ אונז בעגליקט מיט אייער קוממען, האפפע, איהר וועט ביא מיר אייער היים געפינען אונ זיך ניעמאלס מיט אונז שיידען . . .

— געוויס . . . — האט לעווים יונגע פרויא מונטער געזאגט אונ איין קאקעטישען בליק מיט איהרע בליטצענדע טהיערעשע אייגעליך אויף איהר פאלשען ברודער געווארפען, וועלכער וואר קיין אנדערער וויא אונזער בעקאנטער פייפקע . . . — געלויבט איז גאט וואס איך האבע דיך , איינציגער ברודער, דערלעבט צוא זעהען . . . א, וויא שלעכט דוא זעהסט אויס ! האסט דוא שטארק געליטען פון דער זעע קראנקהייט ?

— ניין , שוועסטערקע , — האט ריקער צארטליך געאנטווארטעט — דיא זעע-קראנקהייט האט אויף מיר קיין שלעכטען איינדריק געמאכט, נאר דער איינער געדאנק , דאס נאך אין איינינע טאג ארום וועל איך דיך מיט מיין ליעבען שוויעגערברודער זעהען , האט מיך זויא פיעל געמאטערט, דאס פון אונגעדולד האב איך מיינע קראפטען פערלארען . . . איך דאנקע אייך, מיינע בעסטע פריינד אין דער וועלט , פאר אייער

אויפנאהמע, מיין איינציגער היילינער וואונש וועט זיין, איך אימער גליקליך צוא זעהן ....

יעצט וועט ניט שאדען אב צוא מאהלען מיט איין פאטאגרא-פישער פעדער דיא צוויא נייע אונבעקאנטע העלדען: דער פאברי-קאנט, לעווי, איז אמאן פון אונגעפאהר פונפציג יאהר; זיינע האר זיינען שוין גוט ווייס; זיין בארד איז אויף ענגלישער מאדע געראזירט, זיין הויכער פעסטער קארפער, זיין פורפיר-רויטעס געזיכט, וועלכעס איז נאך אהנע קנייטשען, מאכען איהם פיעל יונגער אונ זיינע אלע מינעס, זיין מילדער בליקק, זיינע קלוגע לעבעדיגע אויגען, האבען אין זיך אבעזאנדערע סימפאטיע.

זיין שאנע פרויא איז מיט צוואנציג יאהר יונגער פאר איהם; אויף איהר קאקעטישעס פערפודרעטעס געזיכט ליעגט אזא פרעכהייט (עזות) דאס אזייטיגער קלוגער מענש קען גלייך בעמערקען, דאס זיא געהער ניט צוא דיא פרומע פרויען, וועלכע שלמה המלך האט „אשת חיל" גענאנט .... אונ אויף איהרע לעבהאפטע בליטצענדע אויגען ליעגט אליידענשאפטליכעס פייעריל .... נאר איהר אויסגעגאסענער שלאנקער קארפער, איהר הויכע ברוסט, איהר אלבאסטער קלארער האלז, איהרע לאנגע גאלדפארביגע האר מוססען דאס ערשטע מאל אויף יעדען איינעם אגוטען איינדרוק מאכען.

— וועסטו, ברודער, געהן שלאפען? — האט מינע אבערמאלס געפרעגט — רוהע זיך אויס, דען דוא ביזט מיעד פון דער ווייטער רייזע .... אויף דער שיף וועדען דיא ביינער גוט צובראכען ....

— איך וויל נאך, שוועסטערקע, ניט שלאפען — האט פייפקע פויל געאנטווארטעט דיא נאכט איז גענוג גרויס, איך וועל נאך מיט מיין ליעבען שוויעגער ברודער עטוואס פאר ברייננען ....

— זעהר אנגענעהם — האט לעווי מיט אנייג געזאגט — א, מינע, וואס פיר אטהייערען קלוגען ברודער דוא האסט! דוא ביזט בייא מיר יעצט דאפפעלט טהייער, ווייל דוא ביזט אין איהם געראטען ....

— א, דוא שמייכלער! — האט מינע מיט אשעלמישען שמייכעל געזאגט, ארומנעהמענדיג דעם פרעהליכען אלטען .... אונ געוואונקען צוא איהר געמאכטען ברודער, אום ער זאל זעהן, וויא זיא שטעקט איהם ארויס אלאנגע צונג .... — איך האבע גאר ביז יעצט ניט געוואוסט, דאס דוא, מיין זעעלע, קענסט קאמפלימענטען מאכען .... יא, מיין טהייערער, אללע יונגע קאוואלירען קענען זיך בייא דיר לערנען ....

— ניין, מינע, איך זאג עס ערינסט אהנע קאמפלימענטען.

— דאנקע פאר אגוטע מיינונג — האט זיך פייפקע אבגערופען אונ לעווי'ס האנד געדריקט — נאר זאגט מיר, ליעבער שוויגערברודער, וואו איז אייער איינציגער גוטער זאהן, פון וועלכען מיין טרייע שוועסטער האט מיר דיא בעסטע מיינונגען געשריבען? איז ער פערררייזט? שאדע איך וואלט איהם זעהר גערען זעהן ....

זעהר אהויכע סטרונע האט דער באנדיט מיט זיין פראגע אנגעריהרט .... דיא סטרונע קען מען רופען „פאטער-ליעבע" .... צווייא גרויסע טרעהרען האבען זיך אין לעווים אויגען געשטעלט אונ מיט איין ריהרענדער טרויעריגער שטימע האט ער געזאגט:

— א, מיין פריינד! זעהר שלעכט אונ פערדארבען זיינען היינטיגע קינדער .... עס איז פאראיבער יענע גוטע צייטען, ווען קינדער האבען עלטערען רעספעקטירט .... היינט איז אנייע וועלט מיט גאנץ אנדערע געדאנקען, מיט אנדערע מענשען .... שטעלט אייך פאר, ליעבער שוויגערברודער, איך האבע מיין איינציגען זאהן, דזשעק, וויא מיין לעבען געליעבט, איך האבע איהם פיין ערצויגען, געבילדעט, געהיטען וויא דאס אויג, אמענדע ווען ער איז צום פערשטאנד געקומען, האט ער מיר פאר אללעם עהרליך בעצאהלט אונ מיין עהרליכער געליעבטער פרויא געפלוכט אונ געשימפפט .... ער האט איהר אזעלכע ווערטער געגעבען, וועלכע איך וועל איהם ניעמאלס פערצייהען ....

— אבער אין גאטטעס ווילען, דייוויס, — האט מינע מיט אגע-מאכטער פארוויירפע געזאגט — וויא איז מען זויא גרויזאם אונ שלעכט געגען איין איינציג קינד? וואס וועלען מענשען זאגען, זעהענד, וויא דוא לאזט איהם שמאכטען אין האספיטאל? מען וועט דאך דיין גוטען נאמען בעשמוטצען, בעזאנדערס איז דאך אויף דעם קינד אגאטעס מיטלייד .... ער וועט עס בעהיטע גאט ניט אריבער טראגען .... איך בעט דיך, מיין נשמה, זייא ניט זויא שלעכט, דען דוא דארפסט ניט פערגעסען, דאס איך בין ניט זיין מוטער אונ אויף איהם ליגט ניט דער שולד ער זאל מיר עהרע אב געבען אונ ווען זאגאר ער האט מיך געשימפפט פערצייהע איך עס איהם פון טיעפען הערצען ....

— א, וויא ארדענטליך אונ גוטהערציג דוא ביזט, ליעבע שוועס-טער! — האט פייפקע אויס גערופען אונ זיינע טרוקענע אויגען געווישט— דוא ביזט אין רוסלאנד געוועזען דיא ערשטע .... אויך דא ביזטו ניט דיא לעצטע .... איך קען מיט דיר שטאלצירען .... — איך בעט אייך,

שווינגערברודער , — האט זיך דער אפעריסט צוא לעווי׳ן געווענדעט — פערצייהעט אייער איינציגען זאהן ···· איהר וועט מיך מיט דעם גליקליך מאכען אונ איך וועל אייך דאס ניעמאלס פערגעסען ····

— גוטע מענשען ! — האט דער אונשולדיגער לעווי מיט טרעהרען געזאגט — מיין שלעכטער זאהן פערדיענט ניט, דאס איהר זאלט פאר איהם בעטען ···· ער דארף זיך זאגאר אין אייער געזעלשאפט ניט געפינען ···· זאל ער ליידען מאנגעל ! זאל ער וויסען וויא צוא שעטצין דעם פאטערס פרויא ! זאל ער געדיינקען ! — האט געשריען דער שטרענגער פאטער . —

6

געטרעטען אויף זיין אייגענער טאכטער .

דיא גרויסע לאנדאנער שטראססען זיינען גאנץ לעער , דען עס איז שוין גאנץ שפעט בייא נאכט ; עס גיסט ארעגען עמערס ווייס , פינסטער טריביג איז איבעראל ; דיא לופט איז שרעקליך פערשטיקט : אגעדיכטער שווארצער נעביל האט גאנץ לאנדאן באדעקט ; זעלטען איז צוא בעגעגנען אלעבעדיגע זעעלע ; אפט מאל ווערד דיא אונגע-היירע גרויסע שטאט בעלויכט פון אשטארקען בליטץ אונ באלד נאך אהם קראכט אשרעקליכער דאנער, אונ מיט דער הילף פון בליטץ זעהן מיר געהן אשווארצע געשטאלט , ביי וועלכער דיא קליידער זיינען דורך געווייקט פון רעגען . איהר שלאנקער קארפער איז דורך געפרוירען, איהרע פים ציטטערען פון מיעדעקייט ; זיא געהט אונ פאלט ···· איינינע מינוט בלייבט זיא ליעגען אויף דעם טריטואר , ביז דער דאנער ערוועקט איהר וואו זיא געפינט זיך , דאן הייבט זיא זיך לאנגזאם אויף אונ געהט ווייטער ····

— א , אונגליק ! — האט זיך פון דער אונגליקליכערס הערץ ארויס געריסען — וויא לאנג נאך וועסטו מיך זויא פערפאלגען ? ווארום געהסט דוא מיר נאך שריטט אונ טריטט ? יא , איך האבע אלעס עהרליך פערדינט ···· איך האבע ניט געוואלט הערען דעם גוטען דניאל׳ס ראטה , יעצט בין איך פערלארען ···· מיינע קראפטען ענטלאסען מיך אונ איך וועל שטארבען אין מיטען שטראססע ! א, טויט ! קום שוין גיכער איך ערווארטע דיך מיט אויסגעשטרעקטע ארמען ! ····

אבערמאלס האט זיך אשטארקער דאנער געהערט , דאס דיא

עֶרד הָאט זִיךְ גֶעטְרֵייסֶעלְט , אוּנ דִיא אוּנְגְלִיקְלִיכֶע אִיז אוּנְמֶאכְטִיג אוֹיף דִיא גְלַאטֶע שְׁטֵיינֶער גֶעפַאלֶען ····

אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט אִיז אוֹיף דֶעם אָרְט אַמֶענְשׁ אָנְגֶעגַאנְגֶען , וֶועלְכֶער הָאט אוֹיף זַיינֶע אַקְסֶעל אַיין בַּאסְקֶעט (קָארְבּ) מִיט פֶערְשִׁיעדֶע-נֶע וַואארֶע גֶעטְרָאגֶען אוּנ זַיינֶע קְלֵיידֶער וַוארֶען אוֹיךְ נִיט אִיבֶּעְרִיג טְרוּקֶען , קוים הָאט עֶר אַיין שְׁרִיטט גֶעמַאכְט , אִיז עֶר מִיט דֶעם קָארְבּ וַואארֶע אִיבֶּער אַקָארְפֶּער אַרִיבֶּער גֶעפַאלֶען ···· דִיא גַאנְצֶע וַואארֶע הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעשָׁאטֶען אוּנ אִיז אַוֶועק מִיט דֶעם וַואסֶער ····

— גִיךְ הָאבּ אִיךְ מַיין וַואארֶע פֶערְקוֹיפְט ···· — הָאט דֶער צְוֵויטֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער צוּ זִיךְ גֶעזָאגְט אוּנ זִיךְ אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען ···· אָ , — הָאט עֶר בִּיטֶער גֶעזִיפְצֶעט — שׁאָן הָאבּ אִיךְ אוֹיס גֶעשְׁפִּיעלְט ! ···· אָבֶּער אִיבֶּער וָואס בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער גֶעפַאלֶען ?

דֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער הָאט גֶענוּמֶען שַׁארֶען אוּנ טַאפֶּען דֶעם טְרִיטוּ-אַר ···· גֶעזוּכְט הָאט עֶר עֶטְוָואס פוּן זַיין וַואארֶע . לַיידֶער הָאט עֶר אַנְשְׁטָאט אִיהר אַמֶענְשֶׁען אָנְגֶעטַאפְּט ····

— אַטוֹיטֶער מֶענְשׁ ! — הָאט דֶער אָרֶעמֶער נַאסֶער פֶּעדְלֶער גֶע-שְׁטַאמֶעלְט אוּנ אֵיינִיגֶע שְׁרִיטט צוּרִיק אָבּ גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען — גֶעוִויס אִיז דָאס אַמָארְד , וֶועלְכֶעס טְרֶעפְט גַאנְץ אָפְט אִין לאנדאן ···· אָבֶּער וָואס שְׁטֶעה אִיךְ ? דַארְף אִיךְ וַוארְטֶען אוֹיף אַצְוֵויטֶען אוּנְגְלִיק מֶען זָאל מִיךְ אַלְס מֶערְדֶער בֶּעשׁוּלְדִיגֶען ? אָבֶּער מַיין וַואארֶע ?

דֶער אָרֶעמֶער מֶענְשׁ הָאט זִיךְ אוֹיף אַיין מִינוּט פַאר טְרַאכְט , עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר גֶעחַאפְּט זַיין לֶעדֶען קָארְבּ אוּנ אִיז שְׁנֶעלל פֶערְשְׁוואוּנְדֶען ····

נִיט לַאנְג הָאט גֶעדוֹיעֶרְט אוּנ אַפְּרִישֶׁער נַאכְטְוַואנְדֶער הָאט זִיךְ אוֹיף דֶעם זֶעלְבֶּען אָרְט זוֹיא אִיבֶּער גִיקֶעהְרְט , דָאס עֶר אִיז קוים אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען ····

— גָא אִין הֶעלל יוּ בָּאם ! (גֶעה צוּם טַייפֶעל שִׁיכּוֹר !) — הָאט דֶער מַאן בֵּייז גֶעשְׁרִיעֶן אוּנ דֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער אַזַא פֶעסְטֶען שְׁטוֹיס מִיט'ן פוּס גֶעטָאהן , דָאס זִיא הָאט זִיךְ פוּן טְרִיטוּאַר אַרָאפּ גֶעקַייקֶעלְט ····

אַטִיעפֶער זִיפְצְן הָאט זִיךְ פוּן דֶער אוּנְמַאכְטֶערְם בְּרוּסְט אַרוֹיס גֶערִיסֶען ····

— דֶער זִיפְצְן אִיז נִיט פוּן אַבֶּעזוֹיפְטֶען — הָאט דֶער מֶענְשׁ צוּא זִיךְ גֶעזָאגְט , אוּנ וִויא עֶס זֶעהט אוֹיס הָאט עֶר בֶּערֵייהֶעט , (חָרְטָה גֶעהַאט) וָואס עֶר וַואר זוֹיא אִיבֶּער גֶעהַיילְט ···· — אִיךְ מוּסס זֶעהן , וֶוער דָאס אִיז ····

— איין ערמארדעטער ! האט דער מאן מיט שרעק אויס גערופען, אלס ער איז צוא דער אונגליקליכער צוא געגאנגען — אבער ניין ! דאכט זיך איך הער קרעכטצען .... פיליייכט איז דאס איין אונמאכטער ....

— ווער זיינט איהר ? — האט דער מאן מיט שרעק געפרעגט אונ מיט זיינע אייזערנע הענד דער אונמאכטערס שלאפען געדריקט, וועלכע האט באלד פון זיך געגעבען אצייכען פון לעבען — שטעהט אויף ! איך וועל אייך אין איין הויז פיהרען !

— וואו .... בין .... איך .... ? האט דיא אונגליקליכע אין איינינע מינוטען ארום שוואך געפרעגט אונ איהר קאפ ארויף געהויבען, וועלכער איז באלד צוריק געפאלען.

— אונטערען הימעל — וואר דעם מאנ'ס אנטווארט — קומט מיט מיר, איך וועל אייך פיהרען אין איין נאהענטען רעסטוראן וואו איהר וועט אייך ערהאללען אונ אייערע קליידער אויס טריקענען ....

אבער ווער זיינט איהר ? — האט דיא אונגליקליכע געפרעגט אונ זיך מיט דער היילף פון דעם גוטען מענש אויף געהויבען — איך קען אייך ניט .... אונ וואוהין זאל איך מיט אייך געהן ?

— האט קיין פורכט, ליידע, (פריילין) — האט איהר דער יונגער מאן בערוהיגט, אלס ער האט אין דער שטימע דער קענט, דאס ער האט אנגעשעפט מיט אפרויענצימער — איך בין איין ארדענטליכער מאן אונ וויל אייך בעזארגען איהר זאלט אין אזא וועטער ניט ליעגען אויף דער שטראססע, קומט מיט מיר ....

דיא אונגליקליכע האט זיך איינינע מינוט בעקלערט; ענדליך איז זיא מיט דער היילף פון אונבעקאנטען אין איין רעסטוראן געגאנגען וואו ביידע זיינען אריין אין איין בעקוועמטען ליכטיגען צימער, אונ בעפאהלען דעם בעדינטען, ער זאל צוויא גלאז קאפפע ברענגען. יעצט וועלען מיר דעם אונבעקאנטען בעטראכטען: דאס וואר אהויכער סימפאטישער יונגער מאן פון אונגעפאהר 24 יאהר, מיט אברייטען קלארען שטערען, מיט שווארצע געדיכטע האר; זיינע גרויסע שווארצע אויגען האבען געגליהט וויא צווייא שטערען; זיין רונדעס אדעלעס געזיכט וואר זעהר בלאס, גלייך וויא ער וואלט ערשט ניט לאנג פון אשווערען קראנק אויף געשטאנען, דאך האט מען געזעהן, דאס ער האט ריעזענדע קרעפטען אונ זעהט אויס וויא אוואהרער העלד. זיינע קליידער ווארען ניט איבעריג רייך אבער זעהר זויבער אונ זיין האלטונג וואר וויא פון איין עכטען דזשענטעלמאן.

— מיין נאמען איז דזשעק לעווי, — האט זיך דער רייצענדער יונגער מאן פאר דער פריילין פאר געשטעלט, אלס דיא לעצטע האט

זִיךְ עֶטְוָואס אָב גֶעטְרִיקֶענְט אוּנ אִיהר גְלָאז קַאפֶּע אוֹיס גֶעטְרוּנְקֶען — וויא אִיז אַייעֶר וָוערְטְהֶער נָאמֶען ?

— מַיין נָאמֶען אִיז שארלאטא , — הָאט דִיא אוּנְגְלִיקְלִיכֶע גֶע־אַנְטְוָוארְטֶעט .

— אוֹיס וֶועלְכֶער שְׁטָאט זַיינְט אִיהר ?

— אוֹיס דֶער רוּססִישֶׁער שְׁטָאט עססאד ....

— שׁוֹין לַאנְג זַיינְט אִיהר אִין לאנדאן ?

— פִיער טָאג .

— הָאט אִיהר דָא פֶערְוַואנְדֶעטֶע ?

— נֵיין , מַיין פְרַיינְד .

— וואוּ זַיינְט אִיהר דָא דִיא גַאנְצֶע צַייט גֶעוֶועֶן ?

— אִין הַכְנָסַת אוֹרְחִים .

— וָוארוּם זַיינְט אִיהר פוּן דָארְט אַוֶועק ?

— וַוייל אִיךְ הָאבּ נִיט גִיקֶענְט הֶערֶען דִיא צִינִישֶׁע וָוערְטֶער פוּן דִיא דָארְטִיגֶע עֶמִיגְרַאנְטֶען , צְווִישֶׁען וֶועלְכֶע עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ גֶעמֵיינֶע פֶערְדָארְבֶּענֶע מֶענְשֶׁען .... אִיךְ בִּין פוּן דָארְט אַוֶועק , אוּם צוּא זוּכֶען אַרְבַּייט אוּנ בַּייא נַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט צוּרִיק גֶעהְן , לַיידֶער הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעטְרָאפֶען דֶעם וֶועג .... דֶער הוּנְגֶער , אוֹיךְ דֶער שְׁלַאגְס־רֶעגֶען הָאט דוּרְךְ גֶעפְרוּירֶען מַיינֶע גְלִיעדֶער אוּנ מַיינֶע לֶעצְטֶע קְרֶעפְ־טֶען גֶערוּיבְּט , דָאס אִיךְ בִּין אִין מִיטֶען שְׁטְרַאססֶע אִין אוּנְמַאכְט גֶעפַאלֶען אוּנ וֶוען נִיט אִיהר , מַיין רֶעטֶער , וָואלְט אִיךְ זִיךְ גֶעוִויס גִיעֶנְדִיגְט .... אִיךְ דַאנְקֶע אַייךְ , גוּטֶער מֶענְשׁ , אִיהר הָאט דֶעם גְרֶעסְטֶען וָואלְטְהַאט גֶעטָאן . —

— מִיר קוּמְט קַיין דַאנְק , עֶדֶעלֶע פְרַיילִין , יֶעדֶער מֶענְשׁ אוֹיף מַיין אָרְט וָואלְט דָאס זֶעלְבֶּע טָאהן , נָאר זָאגְט מִיר קֶענְט אִיר פִילַייכְט אַיין אַרְבַּייט ?

— יַא , מַיין הֶערר , אִיךְ בִּין אַמָאדִיסְטֶקְע אוּנ נֶעהֶע גוּט אוֹיף דֶער מַאשִׁינֶע .

— פָארְטְרֶעפְלִיךְ ! — הָאט דֶער יוּנְגֶער מֶענְשׁ אוֹיס גֶערוּפֶען — אִיךְ הַאבֶּע אַיין בֶּעקַאנְטֶע מָאדִיסְטֶקְע , וֶועלְכֶע נֶעהט פַאר אוּנְזֶער הוֹיז , דָארְט וֶועט אִיהר אַגוּטֶע שְׁטֶעלֶע הֶאבֶּען , קֶענְט אִיהר יֶעצְט גֶעהן מִיט מִיר ?

— מִיט דֶעם גְרֶעסְטֶען פֶערְגֶענִיגֶען — הָאט שארלאטא מִיט שְׁטְרַאהלֶענְדֶע אוֹיגֶען גֶעאַנְטְוָוארְטֶעט — אִיךְ וֶועל אַייךְ דָאס נִיעמַאלְס פֶערְגֶעססֶען ....

— אַלְזָא , וֶוערְטְהֶע פְרַיילִין , אִיהר וֶועט פְרִיעֶר אָפּ עֶסֶען אַבֶּענְד־

ברויט, אונ נאכהער וועלען מיר געהן צוא דער מאדיסטקע, וועלכע וואהנט אויף נעכסטער שטראססע. —

שארלאטא האט אויף איהם אמילדען דאנקבארען בליקק גע־געווארפען ···· באלד האט איין בעדינטער אויף דזשעקס בעפאהל אנגעשמאקען אבענד־ברויט געבראכט, וועלכען שארלאטא האט מיט גרויס אפעטיט געגעסען.

אין איין פערטיל שטונדע ארום זיינען ביידע פון רעסטוראן צוא דער מאדיסטקע, סערע נאדעל, געגאנגען, וועלכע האט דזשעקען מיט דעם גרעסטען רעספעקט עמפפאנגען אונ איהם פערשפראכען, דאס זיא וועט שארלאטען וויא איין אייגען קינד בעהאנדלען, אבערמאלס האט איהם שארלאטא מיט טרערין געדאנקט אונ דזשעק איז אין איין שטונדע ארום אהיים געגאנגען — — —

— גוט איווינינג, מיי פרענד, האאו דו יו דוא? (גוטען אבענד, מיין פריינד, וואס מאכט איהר?) — האט דער יונגער דזשעק פרעהליך געזאגט אריינקומענדיג אין זיין ענגען צימער, וואו איין האלב נאקעטער מענש איז געשטאנען אונ געטריקענט זיינע נאסע קליידער — וואס זיינט איהר מיסטער וויינטהאל זויא נאסס? ···· געוויס האט איהר היינט גוטע ביזנעס (געשעפטען) געמאכט ····

— זעהר גוטע ···· האט דזשעקס פארטנער, (שותף) וועלכער וואר קיין אנדערער וויא מרדכי בלומענטהאל, מיט אביטערען שמייכעל געאנטוואָרטעט — איך האב מיין וואארע שנעל פערקויפט אונ פראפיט (פערדיענסט) האב איך געקריגען צובראכענע זייטען ···· דער לאנדאנער רעגען מאכט עס קורץ אונ שארף ···· ער איז ניט קיין קארגער קופמאן ···· ער נעהמט צוא דיא גאנצע סחורה מיט אמאהל ····

— וואס רעדט איהר, מיסטער וויינטהאל? — האט דזשעק ער־שראקען געזאגט — האט מען ביא אייך דיא וואארע גערויבט? עס קען ניט זיין! ····

— ניט גערויבט, נאר איך בין אויס פעדלער — האט מרדכי טרויעריג געאנטוואָרטעט — מיין אונגליק בעגלייט מיך וואו איך שטעה אונ געה ···· מיט צווייא שטונדען צוריק, אלס איך בין פון שטראססע מיט מיין באסקעט (קארב) וואארע אהיים געגאנגען, האט מיך געטרא־פען דער גרויסער שלאגס־רעגען, אויך וואהר זעהר פינסטער אונ איך בין איבער אטויטען מענשען אריבער געפאלען ···· מיין וואארע איז אוועק מיט דעם וואסער אונ איך בין קוים מיט דעם לעבען אנטלאפען ····

— האט אייך דאס זעלבע וואס מיר געטראפען? — האט דזשעק מיט וואונדער אויס גערופען — דאס איז וואונדערבאר ···· צום גליק האב איך אייער טויטען צוריק לעבעדיג געמאכט ····

— וואס ? — האט מרדכי ערשטוינט געפרעגט — זיינט איהר אויך איבער דעם טויטען קארפער אריבער געפאלען ?

— יא, מיין פריינד, איך האב זיך אויך גוט צוא קלאפט דיא נאז .... אונ דזשעק האט איהם אלעס ערצאהלט, וואס אונז איז שוין בעוואוסט.

— פון וואנען איז דיא פריילין ? — האט מרדכי געפרעגט, אלס דזשעק האט זיין ערצאהלונג גיענדיגט.

— זיא איז ארוססישע אוים דער שטאט עססאד ....

— יא, מיין פריינד איך האבע מיין שטראפפע עהרליך פערדיענט, דען זעהר אונמענשליך האבע איך געגען דער אונגליקליכער געהאנדעלט .... דיא וואארע וואר מיר מעהר שאדע וויא דער מענש ....

— איהר האט קיין שולד, מיסטער וויינטהאל, דען איהר זיינט נאך אגרינער אונ דאס לאנד איז אייך פרעמד. אזעלכע סצענען שפיעלען זיך דא אב זעהר אפט .... נאר זאגט מיר, מיין פריינד, וואס דענקט איהר יעצט צוא טאהן ?

— איך דענק אב צו פאהרען פון לאנדאן, דען איך זעה ניט ארויס, איך זאל דא קענען עטוואס פערדיענען .... שוין באלד אמאנאט, אז איך בין פעדלער אונ האב קיין שילינג פערדיענט .... אין אמעריקא, וויא איך האב געהערט, איז שוין פיעל בעסער, דארט אמווייניגסטענס איז דאס לעבענסמיטעל ניט זויא טהייער אונ דיא פערדיענסטען זיינען אויך גרעסער ....

— ווילט איהר נאך אמעריקא פאהרען ?

— יא, מיין פריינד.

— אונ איך ראטהע אייך, איהר זאלט דא פערבלייבען, דען מיט דער צייט וועל איך מיט מיין פאטער פריעדען שליססען, דאן קענט איהר ביי אונז דיא בעסטע שטעללע האבען ....

— איך דאנקע אייך, גוטער דזשעק, נאר ווען איך האבע זיך שוין בעשלאסען צוא פאהרען, וועט מיך קיין זאך ניט אבהאלטען .... איך האבע זיך שוין זאגאר איינגעפאקט.

— אבער וואו וועל איך יעצט נעהמען אייך אב צוא געבען פיער פונט ? (40 רובעל) — האט דער ארדענטליכער דזשעק פערצווייפעלט געפרעגט — איהר האט פאר דעם וואוינונג בעצאהלט, אויך בארעס געלד דרייא פונט געליהען אונ ווען קען איך עס אייך אוועק געבען ?

— איך וועל אייך מיין פריינד, פון אמעריקא אפטע בריעף שרייבען אונ ווען איהר וועט אים שטאנד זיין, וועט איהר מיר אויף מיין אדרעססע אפ שיקען.

אין דזשעקס שאנע אויגען האבען זיך טרערען געשטעלט; זעהר

שווער איז איהם געווען זיך צוא שיידען מיט זיין אונגליקס-ברודער, וועלכער האט איהם זויא געשטיצט .... גאנץ שפעט אין דער נאכט האבען ביידע פריינד פונ'ם היינטיגען צופאל, מיט דער אונמאכטער פרויענצימער, גערעדט .... דער אונגליקליכער פאטער האט ניט געוואוסט דאס ער האט געטרעטען אויף זיין אייגענער טאכטער ....

7

וצדקה תציל ממות.

נעבען אברהם ראזענבלאט'ס גרויסע הויז שטעהט דער טרויעריגער שווארצער עקיפאזש, וועלכער פיהרט אב דאס שוואכע מענשעלע אין זיין רוהע. דיא נולבילער פארשטאט איז שווארץ פון דיא פיעלע מענשען, וועלכע זיינען געקומען ערפילען דעם לעצטען מענשליכען פפליכט, אהויבער מאגערער יוד מיט גערדיכטע לאנגע פאות, מיט פערשיכור'טע אויגען קלינגט מיט א פושקע און שרייט מיט א יאמערליכע שטימע: „וצדקה תציל ממות"!

— ווער איז דאס געשטארבען? האט א בעיאהרטער זייבער־געקליידעטער יוד דעם שמש געפרעגט, און איינינע מינצען אין דער פושקע געווארפען.

— זיינט איהר ניט אהיגער? — האט דער שמש אידיאטיש געפרעגט.

— איך בין אוים עססאד — וואר דעם יוד'ס אנטווארט.

— אויב אזויא איז שוין קיין וואונדער ניט, וואס איהר פרעגט אזא נארעשע קשיא .... — האט דער שמש מיט א גמרא ניגון גיזאגט — היינט איז געשטארבען דעם גביר רבי אברהם ראזענבלאט'ס ווייב. א איז דאס געווען א אשה כשרה! דעם ליכטיגען גן עדן זאל זיא האבען .... גוטע מלאכים זאלען איהר אנטקעגין קומען, און אייביג זאלען פון גיהנם ניט ארוים דיא חברה קאלייקע .... צוליב וועלכע דיא צדקנית איז נעבאך פאר דער צייט געשטארבען .... אויך איהר מאן רבי אברהם, איז פון זייערע קלעפ געפעהרליך קראנק .... גאט ווייס צוא ער וועט לעבען. דיא דאקטוירים זאגען, דאס זיינע מינוטען זיינען געצאהלט .... נאר גאט איז א רופא חולים, ער זאל דעם תלמיד חכם, דעם בעל צדקה א רפואה שיקען ....

— ווער איז דיא חברה קאלייקע? — האט דער פרעמדער ערשטוינט געפרעגט.

דער שַׁמָשׁ הָאט אִיהם אִין קורצען ערצֶעהלט, וָואס מִיר הָאבֶּען וֶועגֶען דֶעם אִין דִיא פָארִיגֶע קַאפִּיטְלֶען בֶּעשְׁרִיבֶּען.

בַּאלְד הָאט מֶען דֶעם טוֹיטֶען אַרוֹיס גֶעטְרָאגֶען אוּנ דֶער פְרֶעמְדֶער אִיז צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע יוּדֶען בִּיז צוּם פְרִיעדֶענְהוֹיף (בֵּית עוֹלָם) נָאךְ גֶעגַאנְגֶען.

אִין אֵיינִיגֶע שְׁטוּנְדֶען אַרוּם זֶעהֶן מִיר וַוייטֶער דֶעם פְרֶעמְדֶען שְׁטֶעהֶן נֶעבֶּען ראזענבלאט'ס הויז. בֶּענַאהֶע צֶעהֶן מִינוּט אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען אוּנ גֶעקְלֶערְט, אַמְעֶנְדֶע אִיז עֶר הַאסְטִיג צוּא דֶער טִיהר צוּא גֶעגַאנְגֶען. צְווייא מָאהל הָאט עֶר דֶער שְׁנוּר-גְלָאקק גֶעצְווייגֶען, עֶנְדְלִיךְ אִיז אַרייבֶער יוּנְגֶער מַאן אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אוּנ דֶעם פְרֶעמְדֶען מִילְד גֶעפְרֶעגְט:

— וָואס פֶערְלַאנְגְט אִיהר, לִיעבֶּער יוּד?

— קֶען מֶען יֶעצְט רֵיידֶען מִיט ר' אברהם ראזענבלאט? — הָאט דֶער פְרֶעמְדֶער מִיט אַצִיטֶערְנְדֶער שְׁטִימֶע גֶעפְרֶעגְט.

— צוּם אוּנְגְלִיק אִיז דָאס אוּנְמֶיגְלִיךְ — וַואר דֶעם יוּנְגֶען מַאנְס אַנְטְווָארְט, — דֶען זַיינֶע מִינוּטֶען זַיינֶען גֶעצֶעהלְט.... נָאר עֶנְטְשׁוּלְדִיגְט, לִיעבֶּער מַאן, קֶענְט אִיהר מִיר נִיט זָאגֶען אַייער פֶערְלַאנְג? אִיז עֶס זֶעהר גֶעטְהִיג? פִילַייכְט וֶועל אִיךְ אַייךְ מִיט עֶטְוָואס קֶענֶען דִיעֶנֶען?

— אִיךְ דַארְף אִיהם זֶעהר אַיין נָאטְהִיגֶען בְּרִיף אִיבֶּער גֶעבִּין....

— פוּן וֶועמֶען אִיז דֶער בְּרִיף?

— פוּן אַיוּנְגֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער פְרוֹיא, וֶועלְכֶע אִיךְ הַאבֶּע פוּן טוֹיט גֶערֶעטֶעט.

וִויא רוּפְט מֶען דֶער פְרוֹיא? — הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן עֶרְשְׁרָאקֶען גֶעפְרֶעגְט.

— אִיהר נָאמֶען אִיז שארלאטא.... זִיא וַואר בִּיז יֶעצְט בַּייא מִיר אוּנ מִיט צֶעהֶן טָאג צוּרִיק אִיז זִיא נָאךְ לאנדאן גֶעפָאהרֶען....

— שארלאטא וַואר בַּייא אַייךְ? — הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן מִיט שְׁטְרַאהלֶענְדֶע אוֹיגֶען אוֹיס גֶערוּפֶען — שארלאטא לֶעבְּט? אָ, מַיין פְרַיינְד, וָואס פַאר אַטְהַייעֶרֶע נַאכְרִיכְט אִיהר הָאט אוּנְז גֶעבְּרַאכְט! בִּיטֶע, קוּמְט מִיט מִיר אִין צִימֶער.

בֵּיידֶע זַיינֶען אַרַיין אִין אַיין רַייכֶען מֶעבְּלִירְטֶען צִימֶער, וואו דֶער יוּנְגֶער מֶענְשׁ הָאט דֶעם פְרֶעמְדֶען גֶעבֶּעטֶען זִיטְצֶען אוּנ אִיהם גֶעפְרֶעגְט:

— עֶרְקְלֶערְט מִיר, לִיעבֶּער מַאן, וִויא קוּמְט זִיא צוּא אַייךְ? וִויא אַזוֹיא אִיז אַייךְ גֶעלוּנְגֶען דָאס אוּנְגְלִיקְלִיכֶע קִינְד צוּא רֶעטֶען?

דֶער פְרֶעמְדֶער, וֶועלְכֶער וַואר קֵיין אַנְדֶערֶער, וִויא אוּנְזֶער גוּטֶער

דניאל סגל, האט דעם יונגען מאן אלעס ערצעהלט וויא ער האט שארלאטען גערעטעט א. ז. וו.

— איך דאנקע אייך זעהר, גוטער מענש, — האט דער יונגער מענש דריקענד דניאל'ס האנד, מיט טרערען געזאגט — מיין נאמען איז לעאן לעווינשטיין, איך בין שארלאטעס אנקעל, קענט איהר זויא גוט זיין אונ מיר דיא בריעפע צייגען?

— מיט דעם גרעסטען פערגעניגען — האט דניאל געאנטווארטעט אונ ארויס געמענדיג דיא בריעף פון בוזעם קעשענע, האט ער זייא לעאנען געגעבען, וועלכער האט זייא גלייך געעפינט אונ געלעזען דיא ווערטער:

„ליעבע גרויספאטער אונ גרויסמוטער!

געוויס איז אייך שוין פון מיין אונגליק בעוואוסט אונד איהר דענקט דאס איך בין שוין לאנג אויף דער בעסערער וועלט, וואו עס גיבט ניט זויא פיעל מערדעריייא אונ בעטרוג ···· יא, מיינע טהייערע, עס האט שוין דער בייא געהאלטען ···· אונ ווען ניט אגעוויסער ארעמער פישער מיט דעם נאמען, ר' דניאל סגל, וועלכער האט מיך פון שווארצען מעער ארויס געשלעפט, וואלט איך שוין גאנץ לאנג אין דער פערדארבענער שלעכטער וועלט פערגעסען···· איך בין אייך ניט אומשטאנד צוא שילדערען וואס פאר אטהייערע גוטהערציגע מענשען ר' דניאל מיט זיין פרויא זיינען! זייא האבען מיך פיעל וואכען וויא איין אייגען קינד געהאלטען אונ איין שאנע ארבייט אויס געלערנט, פון וועלכען איך וועל זיך קענען זעלבסט ערנעהרען ···· אהיים פאהרען פערשטעהט איהר זעלבסט איז אונמיגליך, דען איך וועל דיא גרויסע שאנדע ניט איבער טראגען ···· ווארפען דעם לאסט אויף דיא גוטע ארמע מענשען קען איך ניט, אלזא פאהר איך יעצט נאך לאנדאן. פערצייהעט, וואס איך האבע אייך ניט געשריבען, דען דיא שלעכטע אומשטענדע האבען מיך דער צוא געבראכט ···· ווער עס האט מיך זויא אונגליקליך געמאכט ווייסט איהר זעלבסט ···· אונ מעהר קען איך לייד?ער ניט שרייבען ···· פערבלייבט געזונד אונ גליקליך, טרייסט מיינע אונגליקליכע עלטערין, איך קושע אייך פיל מאל פון ווייטענס אונ עוויג וועט אייך ניט פערגעסען אייער אונגליקליכע

שארלאטא". —

אלס לעאן האט דעם בריף איבער געלעזען, האט ער זיינע טרערין אויס געווישט אונ דעם צווייטען בריעף געלעזען:

„ליעבע עלטערען!

דאס איך לעב, זעהט איהר פון מיין יעצטיגען בריעף ···· איך געשטעהע דאס צוליב אגעוויסער אורזאכע האב איך געוואלט

זעלבסטמארד בעגעהן און זיך אין עססאדער שווארצען מעער געשליי-
דערט, נאר וויא עס זעהט אוים האט גאטט געוואלט איך זאל לעבען
בלייבען און א גוטער פרוממער מאנן מיט דעם נאמען, דניאל סגל,
האט מיך פון דיא שטירמענדע וועללען ארויסגענוממען . . .

„דער גוטער מענש מיט זיין אדעלער פרויא האבען מיך דיא
גאנצע צייט וויא איין איינציגעס קינד געהאלטען און מיך איין ארבייט
אויסגעלערענט. יעטצט וויל איך מעהר אויף זייא דעם לאסט ניט
ווארפען, דען זייא זיינען געדריקטע מענשען און איך פאהר נאך
לאנדאן. פערצייהעט, טהייערע עלטערען, וואס איך האנדעל זויא
ניעדעריג געגען אייך, דען איך קען בעססער ניט מאכען . . .
איך קען ניט אהיים קוממען, וואו עס ערווארטעט מיך דיא גרעסטע
שאנדע . . . פערבלייבט געזונד אונד גליקליך, פערגעסט אייער זינ-
דיגער טאכטער, שארלאטא".

— אונגליקליכעס קינד! — האט לעאן מיט טרעהרען געזאגט,
אלס ער האט דעם צווייטען בריעף איבערגעלעזען — וויא בערעכענט
און פראקטיש דוא ביזט געווארען! דיא שלעכטע צייט האט דיך פאר
איין פאלקאממענעם מענשען געמאכט! . . .

— פערצייהעט, בעסטער פריינד, — האט זיך לעאן צוא דניאלן
געווענדעט — איך עמפפעהלע מיך אויף אקורצער צייט, דען איך מוז
צוא מיין קראנקען אנקעל געהן, פיללייכט וועט ער קענען מיט אייך
איינינע ווארטער ריידען.

לעאן איז אוועק אין אצווייטען צימער, וואו ער וואר איינינע
מינוט און צוריק געקוממען צוא דניאלן מיט דער אנטווארט, דאס
דער אנקעל וויל מיט איהם ריידען.

איך . . . געה . . . — האט דניאל מיט איין קוימהערבארער
שטיממע געזאגט און איז מיט לעאנען אין אגרויסען רייכען זאאל
אריינגעגאנגען, וואו אטהייערע בעטט איז געשטאנען, אויף וועלכער
דער שטערבליכער גביר איז געלעגען.

עס וואר זעכס אוהר פאר נאכט: עס האט שוין אנגעפאנגען
דונקעל צוא ווערען: דער הויז-דיענער האט אנגעצונדען אגרויסע
בליטץ-לאמפע, וועלכע האט איהרע העללע שטראהלען אויף דעם
שטארבליכענם בלאססעס געזיכט געשיקט און איהם אשרעקליכעס
אויסזעהען געגעבען. —

דער קראנקער האט שווער געאטהעמט; אין זיין האלדז האט
געהארכעלט; זיינע מאגערע וואנגען ווארען מיט אגעלע וואכסענע הויט
בעצויגען; זיינע אויגען זייען טיעף אריין אין געזיכט; זיין שנעע-ווייסע

בַּאֲרד אִיז צוּשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶעם הֶערְצֶען אוּנ אוֹיף זַיינֶע פֶּערְבְּרֶענְטֶע לִיפְּפֶּען לִיעגְט דֶער שְׁוַוארְצֶער זִיעגֶעל פוּן טוֹיט...

דניאל הָאט אַיין מִיטְלֵיידֶענְדֶען בְּלִיקק אוֹיף דֶעם קְרַאנְקֶען גֶע־וָוארְפֶען... זַיין גֶעזִיכְט אִיז פְּלוֹטְצְלִינְג לֵייכֶענְבְּלַאסס גֶעוָוארֶען... זַיינֶע הֶאנְד אוּנ פִּיסס וַוארֶען וִויא גֶעלֶעהְמְט...

— אִיז... עֶס... עֶר? — הָאט דניאל גֶעמוּרְמֶעלְט... — אִיז עֶס מִיגְלִיך?... יַא, דָאס אִיז עֶר...

— וָואָס — שְׁטֵעהט — אִיהר פוּן וַוייטֶענְס —? — הָאט דֶער קְרַאנְ־קֶער מִיט אַשְׁוַואכֶער שְׁטִימֶע דֶעם עֶרְשְׁרָאקֶענֶעם דניאל׳ן שְׁטִילל גֶע־פְּרֶעגְט — קוּמְט — אַהֶער — גִיט מִיר אָב — אַגְרוּסס — פוּן — מַיין — שארלאטען — דָאָס — וֶועט — זַיין — אַטְרֵייסְט — פַאר — מַיין — טוֹיט —...

דניאל אִיז מִיט שְׁטַאמְלֶענְדֶע טְרִיטט צוּם קְרַאנְקֶען צוּגֶעגַאנְגֶען, וֶועלְכֶער הָאט אִיהם מִיט אַווילְדֶען בְּלִיקק פוּן קָאפּ בִּיז דִיא פִּיס בֶּעטְרַאכְט...

— שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם —, מַיין — פְּרֵיינְד, — — הָאט דֶער שְׁטֶארְבֶּענְדֶער עֶרְווִיעדֶערְט אוּנ דניאל זַיין צִיטֶערֶענְדֶע הַאנְד גֶעגֶעבֶּען — וִויא רוּפְט — מֶען — אַייך...?

— מַיין נָאמֶען אִיז דניאל סגל... — הָאט דניאל שְׁלִינְגֶענְד זַיינֶע טְרֶעהְרֶען גֶעאַנְטְוָוארְטֶעט.

— דנניאל! — דנניאל —? הָאט אברהם מִיט אַיין הֵייזֶערִיגֶער וִוילְדֶער שְׁטִימֶע אֵיינִיגֶע מָאל ווִיעדֶערְגֶעהָאלְט אוּנ גְרוֹיסֶע טְרָאפְּפֶען שְׁוֵוייס וִויא בָּאב הָאבֶּען זִיך אוֹיף זַיין אַייזְקַאלְטֶען שְׁטֶערְן גֶע־שְׁטֶעלְלְט, גְלַייך וִויא דֶער נָאמֶען וָואלְט אִיהם עֶטְוָואס שְׁרֶעקְלִיכֶעס עֶרְאִינְנֶערְט... — דנניאלל ססגלל... — הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעקְרֶעכְצְט אוּנ שְׁרֶעקְלִיך גֶעצִיטֶערְט — וִויא — רוּפְט זִיך — אַייעֶר־גֶעבּוּרְטְס־שְׁטָאדט?...

— אִיך וואוין שוין בַּאלְד צְוַואנְצִיג יָאהר אִין עססאד... — הָאט דניאל קְלַאפְּפֶענְדִיג מִיט דִיא צֵיין גֶעאַנְטְוָוארְטֶעט — מַיין גֶעבּוּרְטְס שְׁטָאדט וַואר שילאק...

— שיללאאק! — הָאט דֶער שְׁטַארְבֶּענְדֶער מִיט זַיינֶע לֶעצְטֶע קְרֶעפְּטֶען ווִילְד גֶעשְׂרִיעֶן — הָאט — מֶען — אַייעֶר — פְּרוֹיא — פעררעללע — גֶערוּפֶען?...

— אברהם! שְׁוָואגֶער! — הָאט זִיך פוּן דניאלס הֶערְץ אַרוֹיסגֶערִיססֶען...

— דנניאלל... מַיין... דנניאלל... — הָאט דֶער קְרַאנְקֶער שְׁטִילל גֶעיַאמֶערְט...

דניאל אִיז אוֹיף דֶעם אַייזְקַאלְטֶען אברהם׳ן אַרוֹיפְגֶעפַאללֶען, וֶועלְכֶער

האט דעם ערשטען אין זיינע מאגערע האנד איינגעקלאמערט . . .
דיא ווערטער „דניאל“ ! „אברהם“ ! האבען איבערן זאאל געקלונגען ;
בענאהע איין האלבע שטונדע וואַרען ביידע אין דער זעלבע פאזיציע ;
קיינע פערשטאנדליכע ווארטער האט מען פון זייא ניט געהערט, אויסער
קרעכצען, זיפצען, און יאממער.

— דנניאלל ! . . . דוא לעבסט ? — האט — דער שטארבענדער —
קראמפפהאפט — אויסגערופען — דוא — ביזט — איוד . . . ? מען — האט —
דיך — דארט — ניט — געטויפט . . . ? א, גאטט ! . . . וויא — זינדיג —
איך — בין ! איך — דאנק — דיר, — דניאל . . . ! דוא — מאכסט — זיסס —
מיינע — לעטצטע — מינוטען — איך — שט-אר-ב — רו-היג . . . דיינ-עע —
קינ — לעב . . . נע-הם . . . דא . . . פא-פי-ער . . . מו-חי-ל ! . . .

דער שטארבענדער האט ניט געקענט ענדיגען זיינע לעטצטע ווארטער און געוואונקען מיט דיא שטראהלענדע אויגען, געמאכט מיט דיא האנד, געוויזען אונטער'ן קישען, ענדליך איז ער שטילל געבליעבען . . . זיין קארפער איז פערשטארט געווארען ; אין זיינע האלב-אפענע אויגען איז אשטראהל פון פרייד געלעגען . . . זיינע ליפפען האבען זיך עטוואס בעוועגט, אמענדע האט ער אטיעפען זיפטץ גע-טהון און זיין זעלע מיט אשמייכעל אויסגעהויכט . . .

דער ארדענטליכער אברהם ראזענבלאט איז געשטארבען. לעאן, וועלכער איז דיא גאנצע צייט פון ווייטענס געשטאנען און מיט ער-שטוינונג דיא סצענע געזעהען, איז פלוטצלינג אין אנמאכט גע-פאללען ; אויך דניאל איז בעוואוסטלאז אויף דער דיעלע (פאדלאגע) געלעגען. באלד זיינען דיא חברה קדישה געקוממען און אלס מען האט דעם טויטען פון בעט אבגעהויבען, האט מען אונטער'ן קישען אפערזיעגעלטען בריעף געפונען, אויף וועלכען עס וואר דער אויפ-שריפט : „צוא מיינע קינדער הדסה און שיינע ! קיינער אויסער אייך זאל מיין לעטצטען בריעף ניט לעזען . . . אייער שטארבענדער אנקעל, אברהם“. —

אויף דעם צווייטען טאג, האט ווייטער דער זעלבער טרויעריגער שווארצער עקיפאזש אברהם'ן צוא דער לעטצטער סטאציאן געפיהרט ; ווייטער האבען דיא חברה קדישה אגוט ביססעלע ספירט גענוממען . . . און דער שיכורער שמש האט וויא געסטערען מיט אהייזעריגער פערדומפפענער שטיממע געשריען : „וצדקה תציל ממות“ ! . . .

דער טיגער לויערט אויף זיין רויב.

צוא דער מאדיסטקע סערע נאדעלעס ווערקשטאטט, (מייסטערק־קאיא) וועלכער געפינט זיך ניט ווייט פון דער לאנדאנער טעמזע (טייך) איז איין גרויסארטיגער עקיפאזש מיט איין רייכען הערר אונ דאממע צוגעפאהרען.

דער יונגערעלעגאנטער הערר האט דאס עקיפאזש־טהירעל געעפענט אונ געהאלפען דער שלאנקער רייכגעקליידעטער דאממע אויסשטייגען אונ ביידע זיינען אריין אין מאגאזין. —

— האלא, (ווילקאממען) מיסעס לעווי! — האט דיא סימפאטישע מאדיסטקע סערע נאדעל ענטציקט אויסגערופען אונ דער רייכער דאממע ענטגעגען געגאנגען — איהר זיינט ריכטיג געקאממען, אייער קלייד איז באלד פערטיג, איהר וועט זויא גוט זיין אונ עס אנפאססען, ביטטע זיטצען זיא.

— איך האבע גענוג געווארט — האט דיא שטאלצע דאממע מיט איין פארווירפע געזאגט — וויא עס זעהט אויס וועט מיין פלו־שינער אבערמאנטעל, אויך דאס זיידענע באלל־קלייד פערטיג ווערען אין איאהר ארום...

— ענטשולדיגט, מיסעס לעווי, — האט דיא מאדיסטקע זיך פערענטפערט — פערגעסט ניט, דאס ערשט מיט איינינע טאג צוריק האט איהר מיר דיא ארבייט געגעבען. דענקט איהר, דאס מען קען אללעס אין איין טאג איינשלינגען? בעזאנדערס זעהט איהר דאך, דאס מיינע ארבייטער זיטצען ביז שפעט אין דער נאכט, וועלכעס איזט געגען דער לאנדאנער געזעטץ (זאקאן).

אין דער צייט וואס ביידע דאממען האבען צווישען זיך גערעדט, האט דער הערר אריין געקוקט אין אצווייטען העללבעלייכטען צימער, וואו בענאהע פונפצעהן פריילין האבען גאנץ פלייסיג געארבייט. זיין בליקק איז געפאללען אויף איינער, וועלכע איז וויא צוגעשרויפט צוא דער נעה מאשינע געזעססען אונ געארבייט מיט אללע גליעדער...

דער יונגער הערר איז פלוטצלינג לייכענבלאסס געווארען אונ זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט... איינינע מינוט איז ער וויא פער־שטיינערט מיט אראפגעלאזטע אויגען געזעסען, ענדליך האט ער שטילל צוא דער דאממע געזאגט: — מינע! — איך געה געגען איבער אין

האנדעל קויפען סיגארען . . . איך וועל דיך אויף דער שטראססע ערוואַרטען . . .

— איך האב גליקליך געשפיעלט . . . . ! — האט דער באנדיט, וועלכער וואר קיין אנדערער וויא אונזער בעקאנטער פייפקע ריקער, צוא זיך זעלבסט געזאגט, אלס ער וואר שוין אויף דער שטראססע — וועלכער שווארץ יאהר האט איהר אהער געבראכט . . . ? איך וואלט שאן אויסגעזעהען, ווען דיא נארישע שארלאטא דערקענט מיך גראדע ביא דער מאדיסטקע . . . אבער מיט וואס בין איך זיכער, דאס זיא וועט מיך אצווייטען מאל ניט בעגעגנען ? דאן וועט פייפקע געהן אין דיא אייזערנע פענסטער אונ מיין רייבער שוואגער וועט ערפאהרען ווער איך בין . . .

יא, דיא קאנאליע איז פאר מיר זעהר געפאהרליך! אין לאנדאן שטעהען דיא פרויען זעהר הויך . . . זייא זיינען אויף אללעם בע-גלויבט . . . אונ זיא קען מיך מיט דער צייט גאנץ לייכט איין אונגליק שטירצען . . . אבער וואס קען איך דער צוא העלפען ? וויא פער-מאכט מען איהר אויף עוויג דאס מויל ? וויא ווערט מען פון איהר לויז?

בענאהע צעהן מינוטען האט דער באנדיט געטראכט, ענדליך האט זיך אטייפלישער שמייכעל אויף זיינע ליפפען געוויזען. וויא עס זעהט אויס איז איהם אמערדערישער געדאנק איינגעפאללען אונ איז שנעלל אריין אין איין סיגארען האנדעל. אלס ער האט אסיגאר פער-רויכערט אונ איז ארויס פון האנדעל; האט שוין מינע אויף איהם ביים עקיפאזש געווארט . . . וויא איין העפליכער קאוואלער האט ער זיין דאממע אין עקיפאזש געזעצט אונ דיא טהייערע פערד זיינען וויא פויגעל אוועק געפלויגען.

— מינע ! — האט פייפקע צוא זיין מאטערעסע (געליעבטע) געזאגט, אלס דער עקיפאזש האט זיך לעבען פאבריקאנט לעווים פראכטפאללעס הויז אבגעשטעללט — איך האבע פערגעססען צוא פאהרען צוא מיין שניידער אונ איהם זאגען, ער זאל מיר אין דער פריה מיין נייעם קאסטיום ברענגען . . . מארגען דארפען מיר פאהרען אויף דעם מאסקעראדען-באאל אונ איך געה זוויא צוא שאנדע . . . געה אריין אין שטוב אונ איך וועל זיך דורכגעהן צום שניידער . . .

— וואו וועסט דוא יעטצט ביא נאכט געהן ? עס איז שוין באלד אכט אוהר, דער הימעל איז פערוואלקענט, עס וועט באלד גיסען אשלאגם רעגען, פאלג מיך, איך וועל אין דער פריה אונזער בעדיענטען שיקען, וועט ער דיר דעם קאסטיום ברענגען.

— ניין, מיין טהייערע, איך מוז יעטצט געהן, פיללייכט האט

ער

ער איהם נאך ניט געמאכט, זויא וועל איך זעהען ער זאל זיטצען אגאנצע נאכט אונ איהם פערטיג מאכען . . .

— אבער צוא וואס ווילסט דוא געהן צופוס, דוא קענסט דאך אונטער פאהרען מיט אונזער עקיפאזש?

— איך דאנק דיר, מינע, איך וויל זיך עטוואס דורכגעהן, דען איך לייד שטארק קאפשמערצען . . .

— אלזא, מיין טהייערער, ווען דוא ווילסט דורכאויס געהן, זויא וועל איך דיך ניט צווינגען, אבוואהל איך בין אונרוהיג וואס דוא לײדסט קאפשמערצען . . . נאר קומם, מיין לעבען, באלד צוריק, דען איך וועל אויף דיר ווארטען מיט דעם אבענדברויט . . .

— זעהר גוט — האט דער שורקע געאנטווארטעט אונ איז צוא סערע נאדעלס ווערקשטאטט געגאנגען, וואו ער האט וויא אטיגער געלויערט אויף זיין רויב . . .

9.

אונערוואַרטעטע רעטונג.

עס וואר אפינסטערע וואלקענדיגע נאכט. עס בלאזט אמאכטיגער ווינט געמישט מיט רעגען אונ דיא לאנדאנער טעמזע רוישט אונ קאכט; דיא מידע ארבייטער זיינען שוין לאנג פון דער ארבייט געגאנגען אונ שלאפען יעטצט געשמאק. גאנץ לעער איז דיא שטראססע, אויף וועלכער סערע נאדעלס ווערקשטאטט געפינט זיך, אויסער אשלאנקעס פריילין, וועלכע איז ניט לאנג ארויס פון מאגאזין, געהט גאנץ לאנגזאם אהנע קראפטען אונ אויף דעם צווייטען טריטואר מארשירט איהר נאך אשווארצע געשטאלט טריטט אונ טריטט . . . ענדליך אלס דאס מעדכען וואר נאר איינינע שריטט ווייט פון דער טעמזער בריקק, איז איהר אבאנדיט פון הינטען בעפאללען, זיינע אייזערנע פינגער האט ער אין איהר האלדז איינגעקלאממערט, דאס זיא וואר ניט אומשטאנד איין ווארט אויסצוריידען . . .

דיא אונגליקליכע האט זיך פון אללע זייטען וויא אשלאנג געווארפען אונ איהרע נענעל אין באנדיטס געזיכט געשיקט, אבער דער שורקע האט איהר ביים האלדז זויא פעסט געדריקט, דאס זיא איז וויא אשטיין אויף דער ערד געפאללען . . .

דער פעסטער רויבער האט איהר גענוממען שלעפפען צוא דער טעמזע, (טייך) נאר צום גליק האט דיא אונגליקליכע פערשטאנען,

דאס

דאס דער מערדער וויל איהר אין וואססער שליידערען אונ וויא איינע העלדין האט זיא מיט איהרע לעטצטע קראפטען געגען דעם באנדיט געקאמפפט אונ איהם אזא שטארקען ביסס געטהון, דאס פון שמערצען האט ער איהר האלדז אויף איין סעקונדע לויז געמאכט . . .

— רעע . . . טעט ! — האט דיא אונגליקליכע פערצווייפעלט געשריען — רע-טעט ! ער — ווילל . . .

דער לומפ, וועלכער האט פערשטאנען דאס דיא מינוט איז טהייער, האט איהר ניט געלאזט ענדיגען דיא ווארטער . . . מיט איין האנד האט ער איהר ווייטער גענוממען שטיקקען אונ מיט דער צווייטער האט ער זיין אפפער צוא דער רוישענדער טעמזע געשלעפט . . .

דאס ארימעס מעדכען האט אויפגעהערט צוא אטהעמען אונ דער מערדער האט איהר אין דער לופטען געהויבען, אום דער אונגליקליכער פון בריקק אראפ צוא ווארפען . . .

פלוטצלינג האט דער באנדיט איין אייזערנע האנד אויף זיין קאפ דערפיהלט, וועלכע האט איהם אזעלכע פעסטע קלאפ געגעבען, דאס ער וואר געצוואונגען זיין אפפער אב צוא לאססען אום זיך פון זיין אומבעקאנטען שטארקען געגנער צוא רעטען . . .

— שורקע ! — האט אפעסטע מאננערשטיממע גערדאנערט אונ דעם ערשראקענעם מערדער פעסט פאר'ן האלדז גענוממען — וואס ווילסט דוא פון דער שוואכער פריילין ! לאסס איהר אב, אויב ניט וועל איך דיין זינדיגען פערפלוכטער קאפ אין צווייען צושפאלטען ! . . .

— וואס ווילט איהר פון מיר ? — האט דער פערצווייפעלטער באנדיט זיך פערטהיידיגט, זעהענד, דאס ער האט מיט אשטארקערען פאר זיך צוא טהון — דיא נידערטראכטיגע בעסטיע האט פון מיין טאש צעהן פונט ארויסגעשטוילט . . . וועלכע איך האבע געוואלט ביי איהר אבנעהמען . . .

— אווגוסט ! — האט דיא אונגליקליכע פערצווייפעלט אויסגערופען, אלס זיא צוא איהר פערשטאנד געקוממען — דוא ביזט עס מערדער, וועלכער האט מיך זויא שאנדליך בערויבט ! וויניג פאר דיר, וואס דוא האסט מיך זויא אונגליקליך געמאכט אונ יעטצט האסט דוא מיך געוואלט ערמארדען ? מערדער !

— אלזא, מיסטער, — האט דער צושטרייעטער אונבעקאנטער ערוויעדערט — איהר מוססט מיט מיר אין פאליציע געהן, דארט וועט מען זעהען, ווער פון אייך האט רעכט . . .

— איך געה מיט אייך, האט דער פערדארבענער סובייעקט

דְרייסְט גֶעזָאגְט — נָאר מַאכְט לויז מַיין הַאלְדז, דֶען אִיךְ קֶען נִיט אַטְהֶעמֶען . . .

— אִיךְ וֶועל אַייךְ לויז לַאססֶען נָאר דַאן, ווֶען אִיךְ וֶועל אַייךְ אִין דִיא הָאנְד פוּן פָּאלִיצִיָע אִיבֶּערְגֶעבֶּען — הָאט דֶער אוּנְבֶּעקַאנְטֶער עֶנְטְשְׁלָאססֶען גֶעאַנְטְווָארְטֶעט . . .

דֶער שְׁלוֹיֶער בַּאנְדִיט הָאט גֶעזֶעהֶען דָאס מִיט גוּטֶען ווֶעט עֶר גָאר נִיט מַאכֶען אוּנ אִיז פְּלוּטְצְלִינְג זַיין גֶעגְנֶער מִיט אַבְּלַאנְקֶעס מֶעססֶער בֶּעפַאלְלֶען . . אַשְׁרֶעקְלִיכֶער קַאמְפְּף אוֹיף לֶעבֶּען אוּנ טוֹיט, אִיז צְווִישֶׁען זַייא גֶעוָוארֶען; בֵּיידֶע הָאבֶּען וִויא דִיא לֶעוֶוען גֶעבְּרוּהְמְט, אֵיינֶער הָאט דֶעם אַנְדֶערֶען אִין דֶער טֶעמזֶע גֶעוָואלְט שְׁלַיידֶערֶען, עֶנְדְלִיךְ הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַקְרַאךְ פוּן אַרֶעווָאלְוֶוער, אוּנ אֵיינֶער אִיז מִיט אַשְׁמֶערְצְלִיכֶען גֶעשְׁרַייא אוֹיף דֶער בְּרִיקְק גֶעפַאלְלֶען . . .

— לִיעג הוּנְד! — הָאט דֶער אוּנְבֶּעקַאנְטֶער הֶעלְד גֶעבְּרִיהְמְט — אִיךְ הַאבֶּע דִיר אַגוּטֶע לֶעקְצִיָאן גֶעגֶעבֶּען, וִויא אוּנְשׁוּלְדִיגֶע שְׁוַואכֶע פְּרוֹיֶען צוּא בֶּעפַאלְלֶען . . .!

לֵיידֶער אִיז דֶער בַּאנְדִיט נִיט לַאנְג גֶעלֶעגֶען אוּנ וִויא אַשְׁלַאנְג אִיז עֶר אִין דֶער פִינְסְטֶערְקֵייט פֶערְשְׁווָאוּנְדֶען . . .

— דוּא וֶועסְט פוּן גָאטֶעס שְׁטְרַאף נִיט אַנְטְלוֹיפֶען — הָאט דֶער הֶעלְד קְרִיצֶענְדִיג מִיט דִיא צֵיין גֶעזָאגְט, זֶעהֶענְד, דָאס דֶער לוּמְפְּ הָאט אִיהם שְׁאֶנְדְלִיךְ בֶּעטְרָאגֶען אוּנ אִיז שׁוֹין גַאנְץ ווַייט פוּן דֶער בְּרִיקְק — דוּא וֶועסְט נָאךְ אַמָאל קוּמֶען אִין מַיינֶע הָאנְד!

— מַיין רֶעטֶער! מַיין שִׁיטְצֶער! הָאט דִיא עֶרְשְׁרָאקֶענֶע פְרֵיילִין גֶעיָאמֶערְט — אִיהר לֶעבְּט? . . . יַא, אִיךְ הֶער אַייעֶר זַאנְפְטֶע שְׁטִימֶע . . . שׁוֹין דָאס צְווַייטֶע מָאל הָאט אִיהר מִיטֶער לֶעווי, מַיין לֶעבֶּען גֶערֶעטֶעט . . .

— שַׁארלָאטא, אִיהר זַיינְט עֶס? — הָאט דֶער יוּנְגֶער לֶעווי עֶרְשְׁטוֹינְט גֶעפְרֶעגְט — אָ, וָואס פַאר אַיין גְלִיקְלִיכֶער צוּפַאלל! וָואס זַיינְט אִיהר זוֹיא שְׁפֶּעט גֶעגַאנְגֶען? אִיז אַייךְ דֶער מֶערְדֶער בֶּעקַאנְט? ווַייסְט אִיהר וואו עֶר וָואהְנְט?

— אָ, עֶר אִיז מִיר צוּפִיעל בֶּעקַאנְט . . . לֵיידֶער ווֵייס אִיךְ נִיט וואו עֶר וואוֹינְט . . . אָבֶּער זָאגְט מִיר, מַיין רֶעטֶער, זַיינְט אִיהר נִיט פֶערְוואוּנְדֶעט?

אִין לִינְקֶע הַאנְד, הָאט עֶר מִיר מִיט זַיין שַׁארְפֶער מֶעססֶער אַלַייכְטֶע וואוּנְד גֶעמַאכְט . . . נָאר זָאגְט מִיר, שַׁארלָאטא, וֶוער אִיז דֶער רוֹיבֶּער? וָואס הָאט עֶר פֶערְלַאנְגְט פוּן אַייךְ?

שַׁארלָאטא הָאט לֶעווין אַללֶעס עֶרְצֶאהְלְט, וִויא דֶער שׁוּרְקֶע

האט איהר אין רוססלאנד בעטראגען אונ גיענדיגט מיט דיא ווארטער:
„איך ווייס ניט וויא קוממט ער נאך לאנדאן אונ וואו ער האט מיך בעמערקט?

— דאס וועט אונז דיא צייט שפעטער ערקלערען — האט לעווי איהר געטרייסט — יעטצט קוממט, מיין פריינדין, איך וועל אייך אויף אייער לאזשי (קוואטיר) פיהרען אונ ווייטער זייט מעהר פארזיכטיג, ארבייט ניט זויא שפעט אין דער נאכט, פיללייכט וועט איהר איהם וואו בעגעגנען, זויא בענאכריכטעט מיר גלייך, איהר ווייסט דאך וואו איך לאזשיר?

איך ווייס, אבער דער שורקע וועט זיך מעהר פאר מיר ניט ווייזען . . .

— דאס איז זיכער, אבער איך מוסס עם אין פאליציע מעלדירען.

אזוי ריידענדיג זיינען זייא צוא שארלאטעס לאזשי צוגעקוממען

— גוט נייט, (אגוטע נאכט), מיין איינציגער שיטצער! — האט שארלאטא מיט טרעהרען געזאגט אונ לעווים האנד געדריקט, אלס זיא וואר שוין אין קארידאר פון איהר ארימער לאזשי — איך וואלט שוין יעטצט געווים אין דער טעמזע געלעגען, ווען ניט אייער אונערווארטעטע רעטונג. —

10.

דיא נייע קאסירין.

— גוט איווניננ, מיי דאלע! (גוטען אבענד, מיין קוקלע!) — האט דער אלטער לעווי פרעהליך געזאגט אריינקוממענדיג אין עססצימער, וואו זיין יונגע פרויא איז פערטראכט ביים טיש געזעססען — וואס ביזט דוא, מיין זעעלע, זויא פערטראכט? האסט דוא שוין אבענד-ברויט געגעססען?

— ניין, מיין טהייערער, איך האבע געווארט אויף דיר אונ געקלערט, ווארום דוא האסט זיך היינט זויא פערשפעטיגט . . .

— איך דאנק דיר, מינע, איך האבע הייטע פיעל ארבייט גע-האט, נאר זאג מיר וואו איז דיין ברודער?

— ער איז צום שניירער געגאנגען ..

— זויא שפעט ביי נאכט? האט ער ניט געקענט דעם דיענער שיקען?

— ער האט זיך געוואלט דורכגעהן, דען ער האט קאפ־שמערצען געליטען . . .

— וועלען מיר ווארטען אויף איהם מיט דעם אבענד ברויט?

— ניין, מיין לעבען, מיר וועלען קענען עססען אהן איהם, — בעזאנדערס לייד איך הונגער . . .

דיא מאגד האט אריינגעבראכט פערשיעדענע געשמאקע שפייזען אויך קאפפע אונ דיא ליעבענדע פאאר האבען מיט אפעטיט געשלונגען.

— דוא ווייסט, מיין לעבען, וואס איך האבע זיך בעשלאססען? — האט לעווי זיין פרויא נאך דעם אבענדברויט געזאגט — איך וויל דיך פאר מיין קאססירין מאכען, דען איך האבע פיינד אומזיסטע ברויט צוא געבען . . .

— פאר איין קאססירין! — האט זיך מינע ווילד צולאכט — וואס ווילסט דוא, מיין נשמה, איך זאל דיר העלפען געלד צאהלען? גיב מיר נאר אזוי פיעל וויפיעל איך קען איבערצאהלען . . .

— איך מיין עס גאנץ ערינסט — האט לעווי געלאכט — אין דער לעטצטער צייט האב איך בעמערקט, דאס מיין קאססע שטיממט ניט אונ נאך מעהר וואונדער, אללע ביכער זיינען אין בעסטען ארדענונג, אויך ביי מיין אלטען קאססיר שטיממט אללעס ריכטיג אונ דאך פעהלט מיר גאנצע צעהן טויזענד פונט שטערלינג . . . (50 טויזענד רובעל) איך מיט מיינע ערגעבענע מענשען האבען שוין וועגען דעם גענוג דיא קאפ געבראכען, לייידער קענען מיר ניט דער געהן, וואו דיא סוממע איז אהין געקוממען . . .

אלזא, מיין טהייערע, איך גיב דיר דעם שליססעל פון מיין קאססע, נאר זעה דאס אללעס זאל אין ארדענונג זיין, דען איך בין אשטרענגער פרינציפאל . . . איך קען זויא פיעל אויף מיין קאפ ניט טראגען, ביזט דוא צופריעדען?

ביי דיא ווארטער האט ער איהר אגרויסען שליססעל געגעבען.

ווען לעווי וואלט זיך אין דער מינוט גוט אין זיין פרויא'ס געזיכט איינגעקוקט, וואלט ער זעהען וויא זיא איז פערענדערט געווארען אונ געקריגען פערשיעדענע פארבען . . .

— אבוואהל דאס איז פאר מיר זעהר אשווערע שטעללע — האט מינע קאקעטיש געלאכט אונ דעם אלטען אהייסען קוש געגעבען — נאר אום דיר דיין שווערע ארבייט צוא פערגרינגערען, נעהם איך דיא שטעללע מיט פערגעניגען אן . . . נאר מיט דער בעדינגונג,

וֶוען בַּייא מִיר וֶועט עֶטְוָואס פֶעהלֶען, זָאלְסְט דוּא מִיךְ נִיט בֶּעשׁוּלְ־
דִיגֶען . . . דֶען וֶוען בַּייא דִיר שְׁטִימְמְט נִיט דִיא קַאססֶע, קֶען זִיךְ
דָאךְ אַמָאל בַּייא דַיין נַייעֶר קַאססִירִין אוֹיךְ דָאס זֶעלְבֶּע טְרֶעפֶען . . .
בֶּעזָאנְדֶערְס וִויא אִיז עֶס מִיגְלִיךְ ? נִיט אַנְדֶערְשׁ דַיינֶע מֶענְשֶׁען
זַיינֶען שׁוּלְדִיג . . .

— אִיךְ קֶען אוֹיף מַיינֶע מֶענְשֶׁען קַיין פֶערְדַאכְט הָאבֶּען, דֶען
אִיךְ טְרוֹיעֶ קַיינֶעם מַיין קַאססֶע . . . אִיךְ דֶענְק, דָאס עֶנְטְוֶועדֶער
אִיךְ הַאבֶּע אֵיינֶעם דִיא סוּממֶע גֶעגֶעבֶּען אוּנ פֶערְגֶעססֶען צוּא פֶערְ־
שְׁרַייבֶּען, וֶועלְכֶעס אִיךְ וֶועל זִיךְ מִיט דֶער צַייט עֶרְמָאנֶען, אָדֶער
דָאס אִיז אַיין הֵיימִישֶׁע אַרְבַּייט . . .

— אַז מֶען גִיבְּט גֶעלְד גֶעדֶענְקְט מֶען . . . — הָאט מִינֶע עֶטְוָואס
אוּנְרוּהִיג גֶעזָאגְט — אָבֶּער וֶוער קֶען זַיין דֶער הֵיימִישֶׁער דִיעבּ ? (גַנָב)

— אָ, וֶוען אִיךְ זָאל עֶס וִויסֶען ! . . . — הָאט לֶעווִי מִיט אַגֶע־
מַאכְטֶען שְׁמַייכֶעל גֶעאַנְטְוָוארְטֶעט — דַאן וָואלְט אִיךְ אוֹיף אַגְלַייכֶען
וֶועג גֶעגַאנְגֶען . . . אוּנ זָאג מִיר, מַיין טְרֵייסְט, אוֹיף וֶועמֶען זָאל
אִיךְ אַיין פֶערְדַאכְט (חֵשַׁד) הָאבֶּען ? וֶועמֶען זָאל אִיךְ אִין דֶעם בֶּעשׁוּלְ־
דִיגֶען ? דִיךְ ? אָדֶער מַיין שְׁלֶעכְטֶען זָאהְן ? פַאר דִיר וֶועל אִיךְ גֶעווִיס
שְׁוֶוערֶען . . . אוֹיךְ דזשֶעק הָאט אִין דֶעם קַיין שׁוּלְד, דֶען וִויא מִיר
אִיז בֶּעוואוּסְט הָאט עֶר בַּייא זִיךְ קַיין אַיין שִׁילִינְג . . .

— דֶער מִיסֶעס בְּרוּדֶער אִיז גֶעקוּממֶען — הָאט אַיין עֶרְשְׁרָאקֶענֶער
דִיעֶנֶער גֶעמֶעלְדֶעט, — עֶר אִיז פֶערְוואוּנְדֶעט אוּנ גֶעבֶּעטֶען מֶען זָאל אַיין
אַרְצְט רוּפֶען . . .

— מַיין בְּרוּדֶער אִיז פֶערְוואוּנְדֶעט ! וֵועה אִיז מִיר ! דיִיוויס !
קוּמְם מִיט מִיר אִין זַיין צִימְמֶער ! גָאט וַוייס וָואס פַאר אַיין אוּנְגְלִיק
עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען ! אִיךְ וֶועל עֶס נִיט אַרִיבֶּערְטְרָאגֶען ! — הָאט גֶע־
יָאמְמֶערְט דִיא נַייעֶ קַאססִירִין . . .

11.

וֶועמֶען זָאל אִיךְ גְלוֹיבֶּען ?

זֶעהר טְרוֹיעֶרִיג אִיז יֶעטְצְט אִין רַייכֶען פַאבְּרִיקַאנְט לֶעווִיס
הוֹיז . אַלֶע הוֹיז־בֶּעדִיעֶנְטֶע זַיינֶען פֶערְקִימְמֶערְט, פֶערְזָארְגְט, דֶען
גֶעסְטֶערְן אַבֶּענְד אִיז לֶעווִיס גֶעלִיעבְּטֶער שְׁוִויגֶערְבְּרוּדֶער פוּן אַיין
רוֹיבֶּער שְׁטַארְק פֶערְוואוּנְדֶעט גֶעוָוארֶען . . .

אין איין שאנעם בעקוועמען צימער, אויף איין טהייערע זייבערע בעטט, זעהען מיר ליעגען לעווים קראנקען שוויגערברודער. זיין געזיכט איז בלאסס אונ פולל מיט צייכענס... זיין קאפ איז פערבונדען מיט אווייסע טוך אונ אויף זיין קלארעס העמד געפינען זיך איינינע בלוטיגע פלעקען...

לעבען איהם זיטצט זיין טרייע פעריאמערטע שוועסטער, מינע, וועלכע לייגט קאלטע טיכער וואססער צוא זיין זייט...

— א, פאביאן! — האט מינע טרויעריג געזאגט אונ געווישט איהרע טרוקענע אויגען... — ווען דוא וואלסט מיך געסטערען הערען אונ ניט געהן צום שניידער, וואלסט דוא זיך אונ מיר זויא פיעל שמערצען ניט געמאכט... נעהם, מיין גאלד, דיא מעדיצין, נאכהער וועסט דוא פריהשטיקען, דען עס איז שוין באלד צעהן אוהר...

— איך האב קיין אפפעטיט צום עססען — האט דער קראנקער שוואך געזאגט — יעדער ביין אונד גליעד איז מיר צובראכען...

— וואס קען איך העלפען? — האט מינע ערוויעדערט — דער שרעקליכער צופאלל האט מיינע לעטצטע קראפטען גערויבט... איך זאג דיר דיא ווארהייט, עס איז רעטהזעלהאפט, וויא איז מען זויא אונפארזיכטיג? וויא איז עס מיגליך מען זאל אין מיטטען שטראססע בעפאללען?.. דא מוז עטוואס זיין... ערצאהל מיר, פאביאן, נאר ריכטיג וויא עס וואר...

— וויא איך בין געקוממען אויף דער שטראססע, וואו מיין שניידער וואהנט — האט דער קראנקער זיין ערצאהלונג אנגעפאנגען — האב איך בעמערקט איינגען פראנט שטעהען אין אווינקעלע, וועלכער האט דיא ווארטער צוא זיך גערעדט: „היינט מוסס איך איין ענדע מאכען... דיא נאכט איז וויא געוואונשען... עס איז שרעקליך פינסטער... איך וועל דער בעסטע אבווארטען ווען זיא וועט פון דער ארבייט געהן, דאן... דאן וועל איך איהר אין טעמזע שליידערען, אדער מיין רעוואלווער וועט מאכען איין ענדע פון איהר זינדיגעס אונמאראלישעס לעבען“...

איך האב באלד פערשטאנען, דאס דא וועט זיך אבלוטיגע דראממע אבשפיעלען אונ בין שוין צום שניידער ניט געגאנגען... מיט שפאנענדע בליקען האב איך בענאהע דרייא שטונדען דעם שורקע נאך געלויערט, ענדליך האב איך בעמערקט געהן אפריילין, וועלכער דער באנדיט האט טריטט אונ שריטט נאך געשפרייזט... קוים וואר דיא פריילין ניט וויט פון דער לאנדאנער טעמזע, איז

איהר דער רויבער בעפאללען אונ דער אונגליקליכער געוואלט אין דער טעמזע ווארפען . . . איך בין גלייך צוא איהם צוגעשפרונגען אונ אשרעקליכער קאמפף איז צווישען אונז ענטשטאנען, אמענדע האט ער מיר מיט ארעוואלווער אין זייט געגעבען אונ איז שנעלל פערשוואונדען . . . מיין גליק וואר וואס איך האבע דאס בערעכענט אונ אלס ער האט אויסגעשאססען בין איך אין אזייט אבגעשפרונגען, זאנסט וואלט איך שוין יעטצט גאנץ ווייט געוועזען . . . גאטט זייא דאנק, איך האב איין לייכטע וואונד בעקוממען, דען דער קוגעל (קויל) האט בלויז דיא הויט פון מיין זייט בעריהרט . . .

— זעהר גוטהערציג ביזט דוא מיר פלוטצלינג געווארען — האט מינע מיט אגיפטיגען שמייכעל געזאגט אלס איהר פאלשער ברודער האט זיין ערצאהלונג גיענדיגט — איך גלויב דיר ניט . . . דא איז עטוואס אנדערש פערגעקאממען . . . איך וואלט זיך ניט מישען אין פרעמדע געשעפטען . . . פון מיינעט וועגען, וואלטען זייא זיך געמעגט הענגען, טרענקען אונ שיססען . . .

פייפקע האט געוואלט עטוואס ענטפערען, נאר אין דער מינוט איז דייווים לעווי אריין אין צימער.

— וואס מאכסט דוא, מיין אונפארזיכטיגער קראנקער? — האט לעווי לאכענד געזאגט — וויא פיהלסט דוא זיך? איך בין זעהר נייגעריג צוא וויססען, וויא אזוי דער רויבער איז דיך געסטערען אבענד בעפאללען . . .

— מיר איז יעצט פיעל בעססער — האט דער געמאכטער שוואגער שוואך געזאגט אונ דעם אלטען לעווין דיא זעלבע געשיכטע ערצאהלט . . .

— זעהר העלדיש, זעהר מענשליך האסט דוא, ברודער, געהאנדעלט, — האט לעווי מיט אמיטלייטענדען טאן געזאגט — דאך וואלט איך דיך ראטהען, דוא זאלסט מעהר דיין לעבען ניט איינשטעללען, דען פאר לאנדאנער מערדער דארף מען זיך היטען . . .

— מען האט איהם שוין געסטערען אגוטע לעקציאן געגעבען — האט מינע זיך אבגערופען — ער וועט שוין מעהר ניט קריכען, וואו מען דארף ניט . . .

— גענוג, מינע, אונזער קראנקען צוא דריקען מיט שטאכווארטער — האט לעווי איראניש געזאגט — ער קען נאך צוליב דעם אונז אוועק ווארפען, דאן וועט ערגער זיין . . . טשאלי! — האט לעווי געשריען — ברענג אריין דעם היינטיגען בלאטט צייטונג!

— באלד איז אבעדיענטער אריינגעקוממען אונ לעווין אבלאטט

צייטונג

ציימונג געגעבען, וועלכע לעווי איז מיט זיינע גרויסע אויגען דורכגע-לאפען אונ געפונען איין „עקסטרע נייעס“ . . .

מיסטער לעווי איז פלוטצלינג שרעקליך בלאסס געווארען; דאס בלאטט ציימונג איז פון זיינע האנד ארויסגעפאללען . . .

— וואס איז דיר, מיין זעלע? — האט מינע מיט אנגעמאכטער שרעק געפרעגט — איז דיר ניט גוט? ענטפער מיר, דען איך פאלל אין אונמאכט . . .

— א, אשרעקליכע נייעס! — האט לעווי געשטאממעלט . . . — ווארט, מיין לעבען, איך וועל זיך עטוואס בערוהיגען, וועלל איך דיר אללעס ערקלערען . . .

אין איינינע מינוט ארום, אלס לעווי האט זיך עטוואס בערוהיגט, האט ער מיט איין ציטערענדער שטיממע פון דער „טהיימס“ דיא ווארטער געלעזען: „געסטערען צוועלף אוהר ביי נאכט, איז איין רויבער לעבען דער טעמזער בריקק אפריילין בעפאללען, וועלכער ער האט געוואלט אין וואססער שליידערען . . . צום גליק איז דעם רייכען טוך פאבריקאנט, מיסטער לעווים זאהן אנגעגאנגען וועלכער האט העלדיש דער אונגליקליכער פון מערדערס האנד גערע-טעט . . . דער מערדער האט דעם יונגען העלד אלייכטע וואונד אין האנד געמאכט, אונ אבוואהל דער יונגער מוטהיגער לעווי האט אויף דעם באנדיט געשאססען, דאך איזט דער לעטצטער אונ-בעשעדיגט געבליעבען, דען עס וואר זעהר פינסטער אונ דער באנדיט איז פערשוואונדען . . .

דיא פריילין איז אוים דער רוססישער שטאדט עססאד. לויט וויא זיא האט אין פאליציע ערצאהלט, וואר איין רוססישער רויבער, וועלכער האט איהר אין רוססלאנד שאנדליך בעטראגען . . . וואהר-שיינליך האט דער שורקע פון איהר געוואלט לויז ווערען, אום זיא זאל איהם ניט שטעהען אין וועג . . . דאס מעדכען ארבייט אין א דאמען ווערק-שאפ אויף וואטטער שטראססע, ביי מיסעס סערע נאדעל. ווער עס וועט אשפור פון דעם מערדער געפינען, דעם וועט דיא רעגירונג איין בעלאהנונג פון צוואנציג פונט געבען“ . . .

ווען לעווי וואלט אין דער צייט פון לעזען, זיין קראנקען שוואגער בעטראכטען, וואלט ער זאגען, דאס אשאנערען לייגט מען אין דער ערד . . . וויא געלעהמט איז דער באנדיט אויף זיין בעטט געלעגען אונ זיין פערדארבען הערץ האט זיך קוים בעוועגט . . . קיין צייכען פון לעבען האט מען אין איהם ניט געזעהען, אויסער דיא ציין האבען גע-וויזען, דאס זייא לעבען אונ געקלאפט צום טאקט . . .

שרעקליך

ציניינער ח״נ

— שרעקליך! שרעקליך! האט מינע אויס געשריען אונ איז לייכענבלאס געוואָרען — וואָס אין לאנדאן קען זיך טרעפען! אָבער ווער קען זיין דער שרעקליכער באנדיט? וויא איך זעה שטימט דיא צייטונג מיט מיין אונגליקליכען ברודער'ס ערצאהלונג ....

— עס שטיממט זעהר שאן .... — האט לעווי מיט איין ביטערער איראניע געזאגט — אָבער ווייסט דוא אויף וועמען עס פאלט דער פערדאכט (חשד) אויף דיין אייגענעם ברודער ....

— מיין .... ברודער! — האט מינע קראמפפענהאפט געשריען — מיין .... ערדענטליכער .... ברודער .... איז .... ארויבער? .... א, איך האלט עס ניט אויס! איך .... פאלל .... אין אונמאכט! ....

ביי דיא ווערטער האט זיא דיא פרויענקונסט געמאכט, וועלכער דיא געבילדעטע פרויען רופען „ספאזמעס" ....

— שרעק זיך ניט, מיין טהייערע, — האט דער ערשראקענער לעווי זיין שוואכער פרויא בערוהיגט — דיא צייט וועט אונז אללעס ערקלערען .... פארלייפיג מוז מען עס אין געהיים האלטען, דען עס קען ווירקליך זיין, דאס דיא צייטונג מיט דיין ברודערס געבעטיגען צופאלל זייגען צוויא בעזאנדערע געשיכטען .... עס טרעפט זיך דא גאנץ אָפט אזעלכע צופאללע .... איך וועל אהער מיין שלעכטען זאהן רופען, אום ער זאל מיר אלעס ערקלערען .... איבער הויפט מוזם איך איהם בעשטראפען ער זאל זיך מעהר אין אזעלכע געשעפטען ניט מישען .... איך האב ניט מעהר וויא איין זאהן אונ איך וויל ניט ער זאל זיין לעבען ריזיקירען ....

— וואסער! וואסער! — האט מינע געשטאמעלט — איך .... שטארב!

— מיין שוועסטער! — האט דער קראנקער באנדיט אויס גערופען אלס ער האט זיך שוין עטוואס בערוהיגט — רעטעט איהר! האט מיטלייד! רופט אדאקטאר!

— לעווי האט זיין אונמאכטער פרויא מיט קאלטעס וואסער בעשפריצט, וועלכע האט גלייך איהרע אויגען גיעפינט אונ שוואך געזאגט:

— איך דאנק דיר, מיין נשמה, ... מיר איז שוין פיל בעסער .... זאל מען איין שפאגען אונזער עקיפאזש, דען איך וויל צו מיין מאדיסטקע סערע נאדעל פאהרען ....

מינע האט איבער געטוישט איהרע קליידער אונ איז גלייך אוועק געפאהרען .... — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— וויא געפעלט דיר, מיין ליעבער, דאס היינטיגע בלאט? —

האט לעווי זיין בלאסען שוואגער געפרעגט, אלס זייא זיינען אליין אין צימער געבליבען — מיין קאפּ ווערד צושפּאלטען קלערענדיג .... איך וואלט שוין וועלען וויסען, וואס דא איז .... דיא געשיכטע איז זעהר זאנדערבאר ....

— יא, מיין ליעבער שוויעגערברודער, — האט פייפקע מיט אפּרומע מינע געאנטוואָרטעט — דער רעטוועלהאפּטער צופאל, אויף דאס בלאט האט מיינע לעצטע קרעפטען געריבט, אבוואהל איך האבע קיינע פורכט, דען איך בין אונשולדיג .... אין רוססלאנד האט זיך עס מיר ניעמאלס געטראָפען ....

— ווערסטו דער קענען מיין זאהן, אלס איך וועל איהם אהער רופען? — האט לעווי נאכדענקענד געזאגט און זיינע בליקען פון דעם באנדיט ניט אראפּ גענומען, גלייך וויא ער וואלט וועלען פון זיין געזיכט לעזען, וואס בייא איהם אין הערצען קומט פאר ....

וויא קום איך צו אייער זאהן? — האט דער שורקע געציטערט.... — ער איז מיר גאנץ אונבאקאנט ....

בענאהע אשטונדע האבען ביידע גערעדט, ענדליך איז מינע אריין אין צימער.

— אהא, — האט מינע טריאומפיהרענד געזאגט — ווער עס איז שאן און איך בין קלוג .... איך האבע באלד פערשטאנען, דאס אלעס שטאמט פון דיין נידערטרעכטיגען זאהן, יעצט איז מיר שוין אלעס פערענטפערט ....

— וואאס? האט דער ערשראָקענער פאטער אויס גערופען — גלויבסטו, דאס מיין דושעק וועט זויא פערדארבען זיין און וועלען אמארד בעגעהן?

— איך זאג ניט דאס ער איז אמערדער — האט מינע געאנטוואָרטעט און איהרע אייגעליך האבען וויא צוויא ליכט געברענט — נאר דיא גאנצע אינטריגע שטאמט פון איהם און הער, מיין זעעלע, וואס איך האבע ערפאהרען:

דיא פערדארבענע ניעדריגע פריילין, וועלכע מען איז געסטערען בעפאלען איז צוא אונזער שאנדע דיין זאהן'ס געליעבטע .... וויא איך האב דארט געהערט, האט ער זיא מיט צוויא וואכען צוריק גאנץ שפעט בייא נאכט צוא מיסעס סערע נאדעל געבראכט, מיט דער אויס רייד, דאס ער האט איהר אויף דער שטראססע אונמעכטיג געפונען .... שפעטער איז דיין זאהן ערפאהרען, דאס מיין ארדענטליכער ברודער איז צוא מיר צוגאסט געקומען און אום פון מיר ראבע צוא נעהמען האט ער מיט זיין מאטערעסע (געליעבטע) אבגעמאכט, דאס מען זאל איהם

איהם אין אונגליק שטירצען, פערשטעהסט?

— איך פערשטעה קיין איין ווארט — האט דער בלאסער לעווי געאנטווארטעט ····

— אלזא, מיין טרייסט, וועל איך עס דיר דייטליכער ערקלערען: דיין דזשעק וואר דער יונגער מאן, וועלכען מיין ברודער האט אין אווינקעלע פון שטראססע געטראפען ···· צופלליים האט ער הויך יענע ווערטער גערעדט, אום מיין אונשולדיגער ברודער זאל הערען ···· אונ זאל איהם נאך געהן צוא דער טעמזע ···· שפעטער, אלס מיין ברודער האט זיך גערעטעט, איז ער מיט זיין פערדארבענער געליעבטער אין פאליציע געגאנגען, וואו זיא האט ערצעהלט, דאס ארוססישער באנדיט איז איהר בעפאלען ···· אונ דזשעק וואר איהר רעטער ···· דאס אלעס האט מען געטאהן, אום מען זאל מיר שאנדע מאכען אונ ווען דאס פריילין וועט מיין עהרליכען ברודער אמאל בעגעגנען, זאל זיא איהם קענען ארעסטירען ···· יעצט גלויב איך דאס דיין געלד וועלכעס פעלט דיר פון קאססע, איז ביא דיין גוטען זאהן געבליעבען ···· בעסער געזאגט: ער האט עס מיט זיין געליבטער פערשוועדעט ···· יעצט, מיין ליבער געמאהל, קענסטו איהם איבער בעטען ···· קניהע פאר איהם ···· בעט איהם מיט בלוטיגע טרערען ער זאל אהיים קומען, אום ער זאל מיך נאך מעהר בעשימפפען אונ וויא איינער דיענסט-מעדכען בעהאנדלען ···· א, גאט וויא אונגליקליך איך בין!

ביא דיא ווערטער האט זיא מיט איהרע ביידע הענד איהר געזיכט פערשטעלט אונ אויף אנ׳אויבער שטימע שרעקליך געוויינט ····

— מיין טרייע שוועסטער! מיין ענגעל! — האט פייפקע געיאמערט אונ זיינע קליינע אייגעליך האבען וויא ביא אוואלף געפינקעלט, זעהענדיג, דאס ער איז גערעטעט ···· — דוא האסט מיר, שוועסטער מיינע בלינדע אויגען גיעפינט אונ אנייע זעעלע אריין געגעבען ····

— ניעדערטרעכטיגער זאהן! — האט לעווי מיט טרעהרען געזאגט — אויף מיינע אויגען זאלסטו מעהר ניט קומען! דוא ביזט ניט מעהר מיין קינד! אונ איהר, מיינע טהייערע, — האט ער זיך צוא דיא טיכטיגע קאמעדיאנטין געווענדעט — בערוהיגט אייך, דען איך פערשטעה שוין אלעס ···· איך ווייס שוין מעהר וויפיעל מען דארף ···· מינע מיט מיין קליינער טאכטער זאלען מיינע ערבע (יורשים) זיין ···· אונ מעהר וועט דער שורקע מיין הויז ניט בעטרעטען ···· געה, מינע אין עסס-צימער, דען דוא האסט נאך ניט געפריהשטיקט אונ זעה, דאס מען זאל דיין שוואכען ברודער אין מויל געבען ···· ווארט ניט אויף מיר, וויל

איך דארף יעצט איינִיגע נעטהיגע בריעף שרייבען ....

דער פערפיהרטער אונגליקליכער פאטער איז אין זיין רייכען שרייב־ציממער געגאנגען, וואו ער איז אלאנגע צייט פערטיעפט אין פינסטערע געדאנקען געזעסען; טיעפע זיפצען האבען זיך פון זיין הערצען ארויס געריסען, גלייך וויא ער וואלט דאס טהייערסטע פון דער וועלט פערלארען .... גלייך וויא אלע זיינע גוטע האפפנונגען זיינען אפ געשטארבען, ענדליך האט ער מיט טרעהרען שטילל צוא זיך געזאגט: א, גאטט! עפען מיינע אויגען! .... וועמען זאל איך גלויבען ?....

12

דער צייכען פון ראבע.

אכט טרויעריגע טעג זיינען נאך דער אויבענבעשריבענער בעגעבענהייט פאראיבער געלאפען. אין דער צייט איז אין לעווי'ס הויז עטוואס רוהיגער געווארען, זיין שוואגער איז געזונד געווארען, אבער אין אלטען לעווי'ס הערצען וואר אשרעקליכער שטורעם.... ער האט זיין מוטה, זיין פרייליכקייט פערלארען אונ איז וויא אגייסט ארומגעגאנגען.

— וואס ביזט דוא, מיין טהייערער, זויא פערקימערט? — האט דיא פאלשע פרויא איהר פערזארגטען געמאהל בייא מיטאג געפרעגט אונ איהם פעסט ארום גענומען — זאג מיר, נשמה, ביזטו בעהיטע גאט ניט געזונד?

— ניין, מיין טרייסט, — האט דער אונגליקליכער מיט אגעצוואונגענעם שמייכעל געאנטווארטעט — איך בין גאט זייא דאנק פאלקאם געזונד אונ הייטע אבענד דענק איך אין אקאנטרע (דארף) אויף אייניגע שטונדען צוא פאהרען, דען דער רייכער וואהל הענדלער מיסטער ערינגטאן, האט מיר געשריעבען, איך זאל עקסטרע פאהרען צוא איהם. —

— אונ איך וואלט דיך, דייחים, ראטהען דוא זאלסט ניט פאהרען דען דוא ביזט שוואך .... — האט מינע בעזארגט געזאגט — שרייב דעם קויפמאן, ער זאל אהער קומען ....

— איך מוז נאטהיג פאהרען — האט לעווי געזאגט אונ ריכטיג זיעבען אוהר איז ער אפ געפאהרען. —

— פייפקע! — האט מינע שטיל געזאגט, אלס דער אלטער וואר שוין גאנץ ווייט אין וועג — איך דארף מיט דיר נאטהיג עטוואס ריידען.

וועלכעס איך האבע ביז יעצט ניט גיקענט אויס פיהרען .... דא איז אונמיגליך, וועסטו געהן אין פארק ?

— מיט פערגעניגען — האט פייפקע געאנטווארטעט — איך געה גלייך ....

ביידע האבען זייערע קליידער אנגעצויגען און זייגען אונבעמערקט ארויס פון זאאל ....

דער לאנדאנער פארק וואר גאנץ לעער; אנגעטליכע שטילקייט הערשט אין דיא פינסטערע אלעען; דיא בוימער שטירמען, און דער גארטען-פאנטאן רוישט און זיד; קיין לעבעדיגע זעעלע איז צוא בעמערקען; נאר דארט אין אצווייטער געדיכטער אלעע זיטצען צוויא מענשען, וועלכע פיהרען גאנץ שטיל צווישען זיך דעם פאלגענדען געשפרעך:

— מערדער! וואס האסטו געוואלט פון מיר? — האט זיך אשטילע פרויענשטימע געהערט — ווארום האסטו מיך און זיך זויא אונגליקליך געמאכט? האסט בעדארפט קראפירען איידער דוא ביזט אהער געקוממען ....

— מינע! — האט דער שורקע מיט הערץ געזאגט — וואס שיטסט דוא מיר זאלץ אויף דיא וואונדען? האב איך דען אנדערש גיקענט האנדלען? שטעל דיר פאר מיין שרעק, אלס איך האב איהר דאן ביייא דיין מאדיסטקע ערקענט .... איך האב גערעכענט, דאס זיא איז זעהר געפעהרליך פאר מיר און געדענקט דער בעסטע אויף עוויג שטום צוא מאכען .... זאל איך וויסען, דאס גראדע וועט איהר דיין אלטענס פערפלוכטער זאהן רעטען .... א, וויא אונגליקליך איך בין! צוא וואס איך נעהם זיך געהט עס מיר מיט דער פוטער אראפ ....

— עזעל קאפ! פערד! — האט מינע שקריענד מיט דיא ציין געזאגט — ווארום האסטו פאר מיר אלעס געלייקענט? האט מיר דען דאס פריילין, אלס איך וואר דאן ביייא דער מאדיסטקע ניט אלעס ערצעהלט? וויים איך דען ניט וויא דוא האסט דער אונגליקליכער בעטראגען? און אז דיר איז דיין מערדערייא ניט געלונגען, ווארום האסטו עס ניט אין געהיים געהאלטען? צוא וועלכען אונגליק האסטו בעדארפט דיין דוממע פאלשע געשיכטע פאר דעם אלטען הונד צוא ערצאהלען? וואו וואר דאן דיין פערשטאנד? ביזטו קראנק געוועזען צוא זאגען, דאס דוא ביזט געפאלען און זיך דיא זייט צוקלאפט? איך וואלט דאן אין געהיים אדאקטאר רופען און אלעס וואלט זיין גלאט און שאן .... א, נארישער פערריקטער מערדער!

— דוא האסט פאלקאמען רעכט, ליעבע מינע, אבער איך וואר

דאן זויא צוטומעלט, דאס איך האבע זעלבסט ניט געוואוסט אויף וועלכער וועלט איך בין .... בעזאנדערס האב איך אשרעקליכע שמערץ אין זייט געפיהלט, הייגט זאג מיר, וואס בין איך שולדיג? האב איך דען ניקענט וויסען, דאס דיא היגע פערפלוכטע צייטונגען וועלען וועגען אזא נארעשקייט שרייבען אונ גראדע וועט דאס בלאט צייטונג צוא דיין אלטען הונד אנקומען? האב איך זיך דען אין דער מינוט פארגעשטעלט, דאס דער, וועלכער האט מיר מיין ארבייט געשטערט איז דיין שטיף זאהן? שאדע, וואס ער איז גאנץ פון מיינע הענד ארויס .... נאר איך זאג דיר דיא ווארהייט, איך האב נאך אין מיין לעבען אזא געזונטען קערעל ניט געזעהן .... זיינע הענד זיינען וויא שטאל .... אונ זיין קערפער וויא אייזען .... איך בעט דיך, מינע, דריק מיך ניט, לאמיר בעסער בעקלערען, וואס מיר האבען צוא טאהן, דען יעדער מינוט איז טהייער, מיר קענען דעם גרעסטען אונגליק האבען ....

— זאל איך אזויא וויסען פון דיין קאפ, צוא איך וייס וואס מען הייבט אן צוא טאהן — האט מינע בייז ערווידערט — איך האב דיך גאנץ קלוג ארום געוואשען, אבער וויא לאנג עס וועט האלטען וייס איך ניט .... אין דער לעצטער צייט איז מיין שלאג פערענדערט געווארען .... וויא מיר זעהט אוים, האט ער איין פערדאכט אויף אונז ביידען .... איך ציטער דער אלטער זאל זיך אמאל מיט זיין זאהן ניט בעגעגנען, דאן האבען מיר אוים געשפיעלט .... מיין ראטה איז, דוא זאלסט צוריק נאך רוססלאנד פאהרען, דען דא זיינען מיר ביידע ניט זיכער ....

— דיין ראטה געפעלט מיר גאנץ וויניג — האט פייפקע געאנטווארטעט — רוססלאנד איז פאר מיר פיעל געפעהרליכער .... בעזאנדערס וועל איך אהן דיר ניט קענען לעבען .... איך וואלט דיר בעססער ראטהען, דוא זאלסט מיר דעם שליסעל פון דעם אלטענס קאססע געבען, דאן זיינען מיר רייך אונ מיר וועלען מאכען אלוסטרייזע נאך אמעריקא .... אונ ווען זאגאר דיא קאססע איז לעער, וועט אויך גענוג זיין דיא צוואנציג טויזענד פונט שטערלינג, וועלכע דוא האסט אין באנק .... דארט אין אמעריקא וועלען מיר רוהיג לעבען .... דען זויא וויא זויא קען איך ניט צוא זעהן, וויא דוא מיין געליעבטע פרויא לעבסט מיט אפרעמדען ....

— דיינע גוטע רייד .... זייגען מיר שוין פון לאנג בעוואוסט — האט מינע ערווידערט — מיט וואס בין איך זיכער, דאס דוא וועסט מיר ניט דיא זעלבע חתונה וויא יענער פריילין אויף שפיעלען? איך גלויב דיר גאנץ וויניג .... איך זעה, דאס דוא האסט מיך דיא גאנצע צייט גענארט.

גענארט אונ געהיימע ליעבעס געשפיעלט .... א, אייערע מאנסלייט, איבער הויפט אזעלכע וויא דוא, איז ווייניג דא וואס צוא גלויבען .... אייך דארף מען ניט טרויען ....

— מינע! — האט דער באנדיט געקייכט — זאל איך געהרגת ווערען, אויב איך וועל דיך נארען .... איך ליעב דיך וויא מיין לעבען .... דוא ביזט מיין זעעלע, וואהרענד יענע האב איך געהאסט אונ נאר ליעב געהאט זייער געלד .... ריכטיג וויא דוא דעם אלטען הונד .... מיינע אלע פערברעכען האב איך צוליב דיר געטאהן, אום דיך גליקליך צוא מאכען ....

— דוא ביזט אגוטער רעדנער — האט מינע געלאכט — דוא וואלסט אין לאנדאן דיא בעסטע שטעלע אלס פריידיגער אונ ראבינער גיקענט האבען .... איך וועל דיר דאס מאל גלויבען אונ דיר מארגען דעם שליסעל פון קאססע געבען, מיט דער בעדינגונג אז דאס געלד זאל אימער זיין בייא מיר .... נאר פיללייכט ווילסט דוא מיר איין אפערע מאכען, זויא תיט זיך פאר מיר, דען איך בין ניט יענע פריילין ....

— מינע! מיין גאלד! מיין ענגעל! זאל איך קריינקען, זאל איך פוילען — האט דער באנדיט מיט פרייד אויס געשריען — נאר דער טויט וועט מיך פון דיר שיידען! ....

ביידע שורקען האבען זיך פעסט ארום גענומען אונ אייז קאלטע קוססע האבען זיך וויא האגעל געשאטען .... פלוטצלונג האבען זיך ביידע אב געלאזט, דען זייא האבען פון ווייטען מענשען טריט געהערט ....

— איך וועל לויפען זעהן ווער דאס איז — האט דער סוביעקט זיין געליעבטער געזאגט אונ איז צווישען דיא פינסטערע אלעען פערשוואונדען ....

באלד איז ער צוריק געקומען מיט דער אנטווארט, דאס ער איז דעם גאנצען גארטען דורך געלאפען אונ קיינעם ניט באמערקט ....

— דאס איז בלויז איין איינבילדונג, וועלכער קומט פון שרעק — האט ער זיין געליעבטער בערוהיגט — קום, מיין ענגעל, מיר וועלען געהן אהיים .... אונ ביידע זיינען מיט שנעלע טריט ארוים פון פארק ....

צום גליק האט דער באנדיט ניט גיזעהן, דאס לעבען אהויכען דיקען בוים שטעהט אשווארצע געשטאלט מיט צווייא פייערינגע אויגען, אין וועלכע עס ברענט דער צייכען פון ראכע ....

13

אויף מארגען שטעהט דיא וועלט.

— ווילקאממען, ליעבע פריינדין, — האט דער יונגער לעווי מיט פרייד אויס געשריען, אלס שארלאטא איז פלוצלונג ניין אוהר בייא נאכט אין זיין ענגען צימער אריין געקומען — ביטטע זיטצען זיא, מיר וועלען טהעע טרינקען אונ עטוואס פערברענגען.

שארלאטע האט זיך אויף איין אלטען שטוהל געזעצט אונ זעהר שווער געאטהעמט....

— וואס זיינט איהר, שארלאטא, זויא אבגעצערט? האט לעווי ערוויעדערט — אייער געזיכט איז שרעקליך בלאס, אייער קערפער ציטערט, שאדט אייך פיעללייכט דיא ארבייט? וועלכע גוטע נייעס דארף איך דאנקען פאר אייער יעצטיגען שפעטיגען בעזוך?

— דיא ארבייט איז ניט זויא שעדליך — האט שארלאטא ביטער געלאכט אונ איהרע שאנע אויגען האבען געגען דער דונקעלער לאמפע געגלאנצט.

— עס גיבט אזעלכע מענשען, וועלכע זיינען פיעל שאדליכער.... נאר וואס זאל איך מיט אייך, מיין איינציגער שיטצער, ריידען פאר־שטעלט? זעהר אגוטע נייעס האט מיך צוא אייך זויא שפעט בייא נאכט געבראכט, איך דענק, דאס איהר וועט פון איהר צופריעדען זיין....

— גוטע נייעס בין איך אימער גרייט צוא הערען — האט לעווי מיט אשמייכעל געזאגט — איך בעט אייך שארלאטא ערציילט מיר אייער נייעס וואס שנעללער, דען איך פערליר מיין געדולד....

— איך האבע מיין מערדער געפונען .... — וואר שארלאטעס אנטווארט.

— דעם באנדיט, וועלכער איז אייך בעפאלען? — האט לעווי ערשטוינט געפרעגט — וואו האט איהר איהם געפונען? וואו איז ער? וועלכען גליקליכען צופאל דארפט איהר דאנקען?

— איך וועל אייך, מיסטער לעווי אלעס ערקלערען — האט שארלאטא איהר ערצעהלונג אנגעפאנגען — נאך יענער שרעקליכער נאכט, אלס דער באנדיט האט מיך געוואלט אין דער טעמזע שליידערין, ניין אוהר אין דער פריה, איז אַרייכע פרויא אין אונזער ווערקשאפ געקומען, וועלכע האט מיך גאנץ לאנג וועגען דעם איבערפאלל אויס געפרעגט אונ איך האבע איהר אלעס ערצעהלט, זאגאר וויא דער

מערדער האט מיך אין רוססלאנד בערויבט, וועלכעס האט אויף איהר איין אנדרוק געמאכט ···· מיין אונגליק, אויך דער לוסט צוא דער ראבע, האט מיר גענוג פראקטיקע אונ פערשטאנד גיגעבין, איך זאל פערשטעהן, דאס ניט אומזיסט אינטערעסירט זיך זויא דיא רייכע פרויא וועגען איין ארעמער אונבעקאנטעס קינד ···· דיא שלויע פרויא האט זיך פאר מיר געוואלט פערמאסקירען אין איין פרומער מאסקע אונ מיר ערצאהלט, דאס גלייך וויא זיא האט אין צייטונג פון דעם איבערפאל געלעזען, איז זיא גלייך געקומען זיך ערקונדיגען צוא דיא צייטונג האבען דיא ריכטיגע ווארהייט געשריבען; דען מיסעס סערע נאדעל איז איהר פריינדין אונ הויז מאדיסטקע ···· איך בעדוער אייך עלענדעס קינד — האט זיא מיר געזאגט ···· אונ מיר צוויא שילינג געגעבען, וועלכע איך האבע ניט געוואלט נעהמען אונ איהר געדאנקט···· אבער מיינע אויגען האב איך פון איהר ניט אראפ גענומען ···· איך האב וויא אויס אבוך פון איהר בלאססעס געזיכט געלעזען, דאס דיא גוטע פרומע פרויא ווייסט מעהר פון מיר ···· אונ אלס זיא איז ארויס פון מאגאזין, האב איך אפריילין, וועלכע ארבייט געבען מיר, געפרעגט, ווער דיא רייכע פרויא איז? ····

— האסטו דען איהר געסטערען ניט געזעהן, וויא זיא איז געקומען אנפאסען איהר זיידענעס קלייד? — האט דאס פריילען לאכענד געזאגט — זיא וואר דא מיט אשיינעם יונגען קאוואלער, וועלכען זיא האט ברודער גערופען ···· נאר דאס מוז זיין אברודער, וויא איך אשוועסטער····

אגליקליכער געדאנק איז מיר אין קאפ איינגעפאלען···· אונ איך האב דער פריילען ווייטער געפרעגט:

— מיט וואס זיינט איהר איבער צייגט, דאס דער יונגער קאוואלער איז ניט איהר ברודער? איז ער ניט זויא שאן וויא זיא?

— פיעל שאנער ···· — האט דאס פריילין געאנטווארטעט אונ איהם אבגעמאהלט ריכטיג וויא מיין מערדער — זייא האבען איינער אויף דעם צווייטען זעלכע ליעבליכע בליקען געווארפען, דאס זעלטען שוועסטער אונ ברידער זאלען זיך זויא היים ליעבען····

— אונ ווער איז דיא פארנעהמע פרויא — האב איך איהר אבערמאלס געפרעגט — איז זיא פערהייראט?

— דעם רייכען טוך פאבריקאנט לעווי'ס צווייטע פרויא ···· — וואר איהר אנטווארט — זייא האבען ערשט מיט אהאלב יאהר צוריק געהייראט····

— מיין פאטערס פרויא? — האט דזשעק מיט וואונדער אויס

געשריען — איז עס וואהר ? זאל עס מיין שטיף מוטטער זיין ?

— איך זאג אימטער דיא וואהרהייט — האט שארלאטא מיט איין בעליידיגטען טאן געאנטוואָרטעט — אבער וואס הער איך ? איז דיא בעסטיע אין מענשען געשטאלט אייער פאטער׳ס פרויא ? זיינט איהר דעם רייכען פאבריקאנט לעווים זאהן ?

— צום אונגליק איז זיא מיין פאטערס פרויא, צוליעב וועלכער ער האט מיך פון זיין הויז פערטריעבען — האט לעווי מיט טרעהרען געאנטוואָרטעט.

— אלזא, מיין רעטער, — האט שארלאטא מיט שטראהלענדע אויגען געזאגט — וועל איך אייער פאטער פון אגרויסען אונגליק רעטען אונ איהם עפענען דיא אויגען, אום ער זאל זעהן, דאס זיין פרויא איז איין אויס וואורף פון דער נאטור .... דאס זיא האט אצווייטען יונגערען געמאהל, וועלכען זיא האט פאר אייער פאטער אלס איהר ברודער פאר געשטעלט .... אונ איהר ניעדערטרעכטיגער וואהרער געמאהל איז מיין גליק צושטערער, דער וועלכער האט מיך געוואלט ערמארדען ....

— וואס הערען מיינע אויערען ? — האט דער יונגער לעווי זיך פאר׳ן קאפ געהאפט — ערציילט ווייטער, דען מיינע געהירען קערען זיך איבער ....

— בערוהיגט איך, מיסטער לעווי — האט שארלאטא איהר ער־צעהלונג פארגעזעצט — אלס איך בין ערפאהרען ווער דיא רייכע פרויא איז אונ וואו זיא וואהנט, בין איך יעדען אבענד בענאהע איין שטונדע נעבען אייער פאטער׳ס הויז געשטאנען, מיט דער האפנונג, פיללייכט וועל איך עטוואס ערפאהרען, ליידער בין איך גאנצע זיעבען טעג אויף קיין שפור געקומען, דאס איך האבע שוין געצווייפעלט אין גאנצען געשעפט, דען עס קען דאך זיין, דאס איהר ברודער איז גאר עהנליך צוא מיין רויבער ....

היינט אכט אוהר ביי נאכט, בין איך ווייטער ניט ווייט פון אייער פאטערס הויז געשטאנען אונ דאס מאל האב איך מעהר גליק געהאט, דען איך האב בעמערקט אדאמע מיט אהערר ארויס געהן, אין וועלכע איך האבע מיינע לייט ערקענט .... איך בין אויף דעם צווייטען טראטואר זייא טריט אין טריט נאך געגאנגען, ענדליך זיינען זיי אריין אין פארק אונ זיך געזעצט אין איין פינסטערע געדיכטע אלעע .... איך האב זייא נאכגעשפירט אונ שטעהענדיג ניט ווייט פון זייא אונטער אדיקען געדיכטען בוים, האב איך געהאט דאס גליק אלעס צוא הערען, וואס דיא געמיינע לומפען האבען צווישען זיך אב גערעדט ....

צום לעצט האב איך אונגערען ארויף געטרעטען אויף אצווייג ,
וועלכעס האט מיך גיקענט פערראטהען, דען דער פארזיכטיגער שורקע
האט עס דער הערט אונ אוים געלאפען דעם גאנצען פארק, וואו ער האט
מיך צום גליק ניט געפונען ····

ביי דיא ווערטער האט איהם שארלאטא אלעס ערציילט, וואס
זיא האט אין פארק געהערט ····

— שרעקליך ! שרעקליך ! — האט דער פערצווייפעלטער גרייצ-
טער לעווי אוים גערופען — ראכע מוז איך פון דיא מערדער נעהמען !
עהרליך וועלען זייא מיר פאר אללעס בעצאהלען ! ····

— איך דאנק אייך, טהייערסטע פריינדין, פאר אייער זעלטענער
ענטדעקונג — האט לעווי דריקענד שארלאטעס האנד ערוויעדערט —
גיעמאלס וועל איך דאס פערגעסען , דען איהר האט מיין פערוואונדע-
טעס הערץ צוריק מיין אונשולדיגען גוטען פאטער געגעבען ···· דיא
ענטדעקונג ווער פיר אייך זעהר ריזיקאליש, אבער דאך האט איהר
אייער ראכע וויא אייגע וואהרע העלדין אויסגעאיבט .

— יא, מיין רעטער, — האט שארלאטא טריאומפפירענד געזאגט
— אונ אין איהרע אויגען האט אזאנדערבארעס פייעריל געברענט ····
דיא ראכע מאכט דעם שוואכסטען מענשעלע פאר איין שטארקען ריעזענן
העלד ···· נאר זאגט מיר, מיסטער לעווי, וואס דענקט איהר יעצט
צוא טאהן ? מען דארף געוויס פארזיכטיג זיין, אום דיא פייגעליך
זאלען ביז מארגען ניט אוועק פליהען ····

— פאר דעם וועל איך שוין זארגען — האט לעווי ענטציקט גע-
אנטווארטעט — זייא וועלען פון מיינע הענד ניט אנטלויפען ···· מיינער
אבעקאנטער דיטעקטיף, (געהיים פאליציסט) אויך איך , וועלען זייא
שוין גוט היטען ···· טרינקט, מיין פריינדין , איינינע גלאז טהעע,
פערבייסט עטוואס, דען אייך איז שוין טרוקען געווארען אין האלדז
ריידענדיג , נאכהער וועל איך אייך אונטער פיהרען אהיים , דען עס
איז שוין שפעט .

שארלאטא האט אגלאז טהעע געטרונקען אונ צוזאמען מיט דזשעקען
אהיים געגאנגען .

— זייט פארזיכטיג, מיין פריינד, — האט שארלאטא שטיל געזאגט,
אלם זיא וואהר נעבען טיהר פון איהר וואהנונג אונ לעווי'ס האנד שטארק
געדריקט ···· — געדענקט, דאס אויף מארגען שטעהט דיא וועלט ····

14.

וויא מען שפיעלט אזוי טאנצט מען.

' פערזונקען, פערטיעפט אין פינסטערע געדאנקען זיטצט יעטצט דער רייכער טוך פאבריקאנט דייווים לעווי, אין זיין ליכטיגען בעקוועמען שרייבצימער. זיין געזיכט איז שרעקליך פערענדערט, גלייך וויא ער וואלט פון אלאנגער קראנק אויפשטעהען. בלוטיגע טרעהרען רינען איבער זיינע בלאססע וואנגען אונ רעדט דיא ווארטער צוא זיך:

— ווער וואלט עס גלויבען, דאס דער רייכער לעווי איז אזוי אונגליקליך? ווער וואלט עס גלויבען, דאס אין מיינע רייכע צימערען הערשט טרויער אונד לייד? וועמען קען איך ערצאהלען, וואס ביי מיר אין הערצען קאממט פאר? מיין בלוט פון הערצען זיך אונד רוישט וויא דיא שטארקע וועללען אין רוישענדען אקיאן . . .

א, וויא אונגליקליך איך בין! פון קינדווייס אן האבען מיך מיינע עלטערען פערפאלגט אונ מיך . . זייער זאהן ניט אנערקענט . . . שווער אונ ביטער האב איך געארבייט, ביז איך האבע דאס אללעס מיט מיין שוויים ערווארבען . . .

א, וויא גליקליך האב איך פאר מיין ערשטער פרויא געלעבט! פרעהליך ליכטיג וואר אין יעדער ווינקעלע . . . אללעס האט צוא מיר געשמייכעלט אונ זיך מיט געפרייד, גליקליך ווארען מיינע טהייערע געליעבטע קינדער . . . אבער היינט? זייט זיא איז אבגעשטאר- איז אללעס מיט איהר בעגראבען געווארען . . . פערשוואונדען איז דיא פרייליכקייט, פינסטער איז אין יעדען ווינקעלע . . . זאגאר מיין קליינע איינציגע טאכטער ווייזט קיין פרייע מינע, אויף איהר ליעגט שוין דער צייכען פון טרויער, פון איין אונגליקליכער וואייזע . . . (יתומה) מיין איינציגען גוטען זאהן, וועלכער וואר מיין לעטצטע טרייסט, האב איך פון זיך פערשטויסען . . . פאר וואס פאר וועגן?

יא, עס איז וואהר, ער איז אראפ פון גלייכען וועג מיט זיינע אינטריגעס אונ האנדלונג געגען מיין צוייטער פרויא, אבער ווער האט איהם דער צוא געבראכט? ווער וויים, צוא אללעס איז וואהר? וועמען זאל איך פריהער גלויבען? . . .

אין דער לעטצטער צייט האב איך איין פערדאכט אויף מינען מיט איהר ברודער אונ וועמען ערצאהלט מען מיין קלעמונג פון הערצען? ווען איך זאל וויססען, וואו מיין זאהן געפינט זיך, וואלט

איך צוא איהם געגאנגען און איהם בעטען ער זאל אהיים קוממען . . . דאס וועט מיך נייא בעלעבען . . .

א, עלענד בין איך וויא אשטיין! מיין הערץ וועט גיך פלאטצען . . . !

דער ארימער מיליאנער איז פלוטצלינג שטילל געווארען און זיינע טרעהרען אויסגעווישט, דען עס האט זיך געהערט אקלאפ אין טהיר, און אלס ער האט „קאם-אין" געזאגט, איז אין צימער אריין אבייגעקליידעטער מיטעלער מאן מיט אצעלענדערהוט, מיט קלוגע לעבעדיגע אויגען און זיך העפליך פערנייגט.

— דזשאן העריסאן! — האט לעווי מיט פרייד אויסגערופען, אלס ער האט דעם סימפאטישען הערר דער זעהען און איהם ביידע האנד געדריקט — ביטטע, זעטצען זיא, וועלכען צופאלל דארף איך דאנקען פאר אייער יעטצטיגען בעזוך?

— זעהר איין וויכטיגער צופאלל האט מיך צוא אייך מיסטער לעווי געטריבען — האט העריסאן געאנטווארטעט — איך האבע מיט אייך פון עטוואס וויכטיגעס צוא ריידען, זיינט איהר יעטצט פרייא?

— יא, מיין פריינד, איהר קענט דא מיט מיר אונגעשטערט פערברענגען — האט לעווי געזאגט און דיא טהיר פערשלאססען . . .

— ליידער קען איך דא מיט אייך ניט ריידען . . . איך האבע אפיעל זיכערען ארט — האט העריסאן געלאכט — ווילט איהר געהן מיט מיר?

— מיט דעם גרעסטען פערגעניגען — וואר לעווים אנטווארט און ביידע האבען דאס צימער פערשלאססען.

אויף דעם וועג האבען ביידע קיין ווארט גערעדט, ענדליך צייט צעהן מינוט, זיינען זייא צוא איין אלטער מויער צוגעקוממען און אריין אין איין ארימען פערשטיקטען צימער . . .

— דזשעק! — האט דער אלטער לעווי אויסגעשריען, אלס ער וואר שוין אין צימער . . .

— פאטער! — האט זיך פון יונגען לעווים הערצען ארויסגעריססען און ביידע האבען זיך פעסט ארומגענוממען, גלייך וויא זייא וואלטען זיך יאהרען לאנג ניט זעהען.

— מיין קינד! מיין זאהן! האט דער אלטער מיט אפערשטיק-טער שטיממע געיאמערט און דזשעקען פעסטער צוגעדריקט — א, וויא שרעקליך דוא זעהסט אויס! וויא ארעם איז דיין וואהנונג! וויא גרויזאם האב איך געגען מיין איינציגען געליבטען זאהן געהאנדעלט!

— דוא ביזט אונשולדיג, געליעבטער פאטער! — האט דושעק מיט טרעהרען געזאגט אונ ביידע האבען זיך אבערמאלס פעסט ארומגענוממען.

— אזוי האב איך געוואלט... — האט מיסטער הערריסאן פרעהליך געזאגט, אבוואהל אין זיינע אויגען זיינען טרעהרען גע-שטאנען — פאטער אונ זאהן דארפען לעבען אין פריעדען...

— אונ איהר פריילין, וואס מאכט? — האט זיך הערריסאן צוא דער פערוויינטער שארלאטען געווענדעט, וועלכע וואר ביי דער סצענע — איהר ברויכט ניט וויינען, דען איהר האט דעם גרעסטען וואלטהאט געטהון...

מיט שפאנענדע בליקען האט דער אלטער לעווי שארלאטען בעטראכט, גלייך וויא ער וואלט פרעגען: „איז דאס זיין געליעבטע? איז וואהר, וואס מיין פרויא האט מיר ערצאהלט? האט זיא איהם פון גלייכען וועג אראפּ געפיהרט? איז מעגליך, אז דאס אונשול-דיגעס געזיכט, דאס סימפאטישעס מעדכען זאל זויא פערדארבען זיין"?

דער יונגער לעווי האט דעם פאטערס בליקען פערשטאנען אונ מיט איין מאראלישער געפיהלפאללער שטיממע געזאגט:

— פאטער! ווילסט דוא וויסען, וואס מיסטער הערריסאן האט דיך אהער גערופען?

— געוויס, מיין זאהן, — האט דער אלטער לעווי שנאך געאנטווארטעט.

— אלזא, ליעבער פאטער, וועל איך דיר אללעס ערצאהלען, נאר מיט דער בעדינגונג, זאלסט ניט איבערראשט ווערען, דען אין מיין יעטצטיגער ערצאהלונג וועט עטוואס שרעקליכעס פארקוממען...

דושעק האט זיין פאטער אללעס ערצאהלט, וויא ער האט שארלאטען אויף דער שטראססע געפונען אונ וויא ער האט איהר פון דעם באנדיטס האנד געראטעט... אויך שארלאטא האט איהם אללעס איבערגעגעבען, וואס זיא האט אין פארק (גארטען) גע-הערט. אונ אלס דיא ערצאהלונג וואר צוא ענדע, איז דער אלטער לעווי אונמאכטיג אויף דעם שטוהל געפאללען...

איינינע מינוט איז ער וויא בעוואוסטלאז געזעסען, ענדליך האט ער צוריק זיין פערשטאנד בעקוממען אונ שרעקליך געיאמערט, דאס ביי אללע האבען זיך טרעהרען אין דיא אויגען געשטעלט...

— מיין איינציגער גוטער זאהן! — האט דער אלטער מיט שטראה-לענדע אויגען געזאגט — יעטצט ביזט דוא צוריק מיין געליעבטעס

קינד! אויך דוא עדעלעס מעדכען ביזט וויא מיין טאכטער פערדע-בענט, דען דוא האסט מיר מיינע אויגען גיעפענט, איך זאל זעהען וויא דומם וויא טיראניש איך האבע געגען מיין ארעמעס קינד גע-האנדעלט . . . יעטצט פערשטעה איך, ווער עס האט פון מיין קאססע דיא פינף טויזענד פונט שטערלינג געשטוילט . . . יעטצט וויים איך פאר וואס זיא האט אייך זויא בעשימפפט אונ געשאנדעט . . . יעטצט זעה איך ווער איהר שאנער ברודער איז . . . אבער זאגט מיר, מיסטער העריסאן, וואס זאל איך טהון? גיבט מיר אראטה, וויא ווערט מען לויז פון דיא באנדיטען?

— גאנץ אייניפאך — האט דער געריהמטער לאנדאנער ערשטער דיטעקטיף מיט אשמייכעל גענטווארטעט — וויא אייך איזט שוין בע-וואוסט, וועט אייער פאלשער שוואגער הייטע אבענד אייער קאססע אויזיט מאכען . . . אלזא זאלט איהר זעהען, דאס אין צימער, וואו דיא אייזערנע קאססע שטעהט זאל זיין פינסטער . . . אונ מיך מיט דושעקען, אויך דער געעהרטער פריילין זאלט איהר ביא נאכט דורך דער אונטערטהיר פארזיכטיג הערין לאססען אונ אונז גוטע גע-היימע ארטער געבען וואו זיך אונבעמערקט צוא פערשטעקען, דאן איזט פערטיג דיא ארבייט . . .

— אייער פלאן איז פארטרעפליך — האט דער אלטער לעווי טרויעריג געזאגט — אבער מיין נאמען וועט דאך ליידען?

— וואס קען איך העלפען — האט העריסאן געאנטווארטעט — קען איך דען דיא בעסטיען פרייא לאססען?

— אלזא, מיין פריינד, אללעס וועט זיין אין בעסטען ארדענונג . . . איך מוז יעטצט אהיים געהן, אום מיין אבוועזענהייט זאל ניט פאר-דאכטיג פארקוממען . . . אדיע, מיינע פריינד, צום וויעדערזעהען!

— זיים זיכער מיסטער לעווי, דאס זייא וועלען שוין ניט אנט-לויפען, דען פון געסטערען אבענד אן, אלס אייער גוטער זאהן האט מיר פון אללעס ערצאהלט איז אייער הויז גוט בעוואכט פון מיינע בעסטע דעטעקטיווס, דאך געהט אהיים אונ שפיעלט גוט אייער ראלע, דען וויא מען שפיעלט, אזוי טאנצט מען . . .

15.

געהאנגען.

דיא לאנדאנער שטאדס-אוהר האט דיא עלפטע שטונדע ערטענט. אין טהייל הייזער שלאפט מען שוין, נאר אין אונזער בעקאנטען לעווים הויז איז נאך גוט ליכטיג, אלזא וועלען מיר אהין אריין געהן.

מיסטער דייווים לעווי זיטצט אין עססצימער מיט זיין יונגער שאנער פרויא אונ טרייען שוואגער ביא טהע. שוין לאנג וואר לעווי ניט זויא פרעהליך וויא היינטיגען אבענד... ער האט פיעל וויטצען געזאגט אונ פערשיעדענע אניקדאטען ערצאהלט; זיין טרייע ווייבעלע האט איהם איינינע מאל ארומגענוממען אונ איהם הערצליך געקושט... אבער דאס היינטיגע מאל האט דער אלטער גוט בעמערקט, וויא זיא שטעקט איהם פון אונטען ארויס אלאנגען לעקער... נאר וויא עס זעהט אויס האט עס איהם גאנץ ווייניג געקימערט, פערקערט, ער וואר צופריעדען גליך מיט דעם אונגליקליכען בלינדען, וועלכער איז פלוטצלינג זעהענדיג געווארען...

— עס פרייט מיך זעהר, וואס דוא, מיין טהייערער, ביזט היינט אין אגוטער לוינע — האט מינע לאבענד געזאגט — איך גערענק שוין ניט אזא גליקליכען אבענד.. גאט זאל געבען, דאס דיא פרייד זאל זיין אויף לאנגע יאהר... ערצאהל מיר, מיין נשמה עטוואס נייעס... האסט דוא גוטע געשעפטען געמאכט? האסט דוא היינט פיעללייכט דיין זאהן אין שטראססע בעגעגנט?...

— איך בעט דיך, מינע, — האט לעווי מיט אגעמאכטען טרויעריגען טאן געזאגט — ערינער מיר ניט מיין שלעכטען גיעדערטראכטיגען זאהן... איך וויל פון איהם ניט וויסען, פון זיין נאמען ניט הערען. מיט דיין פראגע רעגסט דוא מיך אויף אונ דאס בלוט ווערט אין מיר צוא קאכט... מיר וועלען בעססער פון עטוואס פריילכערס ריידען...

היינט וואר ביא מיר אריכער קויפמאן, וועלכער האט מיר צעהן טויזענד פונט שטערלינג קעש (קאססא) געגעבען צוא לייזען... איך האבע פון דעם געשעפט פיעל געלד פערדיענט... דער פאר איז יעטצט דיין קאססע פערפילט אונ מארגען וועל איך דיר, מיין טרייסט, אטהייערען פריזענט קויפען, ביזט דוא מיין ענגעל, צופריעדען?

איך

— איך דאנק דיר, מיין זעעלע, — האט מינע שעלמיש געאנטווארטעט אונ אבערמאלס דעם אלטען אין איהרע ארמען גענוממען — דוא ביזט בייא מיר טהייערער פון אללע פריזענטען, ווען איך זעה דיך נעבען מיר, דארף איך קיין זאך אונ איך בין דיא גליקליכסטע אויף דער וועלט . . .

— א, דוא שמייכלערין — האט לעווי געלאכט, עס גיבט ניט פיעל אזעלכע ערגעבענע פרויען וויא דוא, מיין לעטצטער טרייסט . . . איך קען מיט דיר שטאלצירען, דען דוא פערזיסט מיין עלטער . . .

— אונזערע פיינד זאלען ניט עלטער זיין . . . — האט מינע מיט אקאקעטישען שמייכעל געזאגט — דוא מאכסט זיך אימער פאר איין אלטען מאן, אבוואהל דוא ווייסט, דאס דוא ביזט בייא מיר טהייערער פאר הונדערט יונגע . . .

— הונדערט געווים . . . — האט לעווי אין אבייסענדער איראניע געזאגט — אבער פאר איינעם געווים ניט . . . נאר זייא ניט בייז, מיין טהייערע, איך האבע עס נאר אין שפאסס געזאגט . . . איך וויים וויא טרייא אונ ערגעבען דוא ביזט מיר . . . איך קען אהנע קאמפלימענטען זאגען, דאס דוא ביזט איין אויסנאהמע פון אללע פרויען . . .

— איהר האט מיט מיין שוועסטער געטראפען — האט פייפקע אונטער געהאפט — אויף איהר קען מען זאגען, דאס זיא איז איינע פון טויזענד . . . קוים האט מינע געזעהען, דאס איהר ליעבער געמאהל האט אפרייע מינע געמאכט, איז זיא איין אנדערע מינע געווארען . . .

— חא! חא! — האט זיך לעווי צולאכט — איהר, מיין שוויגערברודער, זיינט, אגוטער וויטצלינג . . . אייער וויטץ מיט דער „מינע“ געפעללט מיר זעהר . . . בראווא, מינע! דוא האסט אזעלטענעם ברודער! . . .

ביז צוועלף אוהר האבען אללע פערגעניגענט פערבראכט, ענדליך האט זיך לעווי ענטשולדיגט, דען ער איז מיעד אונ איז אין שלאפצימער געגאנגען.

— וויא געפעלט דיר, מיין טהייערע, דער אלטער פערד, וויא ער וואר הייגט פרעהליכער וויא אימער? — האט פייפקע שטילל געזאגט, אלס ער איז אליין מיט מינען אין צימער געבליעבען — איך קלער דאס מארגען וועט ער קלאגען וויא א ביינע . . .

— זאל ער קלאגען נאך זיין הונטישען קאפ — האט מינע גע-אנטווארטעט — זעה פייפקע, זייא פארזיכטיג, עס זאל, בעהיטע

גאטט, קיין אונגליק טרעפען . . . זאלסט דיא קאססע צוריק וויא געוועזען פערשליססען אונ מארגען פריה וועללען מיר שוין זיין גאנץ ווייט פון לאנדאן . . . זייא אמענש מיט פערשטאנד, טהוא אללעס בערעכענט, דען מיין הערץ שרעקט זיך זעהר . . .

— קענסט זיך, מינע, אויף מיר פערלאססען . . . איך וועלל עס זויא געשיקט מאכען, דאס גאט אליין וועט אויך ניט הערען . .

ביז צווייא אוהר האבען ביידע שורקען גאנץ שטילל גערעדט, ענדליך איז מינע אין שלאפצימער געגאנגען אונ באלד צוריק געקוממען מיט דער אנטווארט, דאס דער אלטער פערד שלאפט שוין געשמאק . . .

— יעטצט, מיין זעלע, איז דיא בעסטע צייט אונזער ארבייט אויסצופיהרען . . . וועסט דוא, מינע, אויך מיט געהן אין קאבינעט, וואו דער אייזערנער שראנק שטעהט?

— געוויס. וועלל איך דיר מיטהעלפען אללעס זאל אין ארדענונג זיין . . . ביידע זיינען פארזיכטיג אויף דיא שפיטץ פינגער אין אבעזונ-דערען צימער אריינגעגאנגען; גאנץ לייזע (שטילל) האט פייפקע דעם פערשלאססענעם שראנק אויפגעעפענט אונ ארויס גענוממען פיער גאלד אונד ווערטה פאפיערע, מיט וועלכע ער האט זיינע אללע טאשען פערפוללט, דאס ער האט מעהר קיין ארט געהאט וואו דאס איבעריגע געלד צוא לייגען אונ מינע האט דאס רעשט אין איהרע טאשען געלייגט . . .

קוים האט פייפקע געוואלט דעם שראנק צוריק פערשליססען, איז אין צימער פלוטצליכג ליכטיג געווארען אונ וויא פון דער ערד איז ארויסגעוואקסען דושעק מיט הערימאנען אויך שארלאטא . . .

אין דער מינוט איז דער אלטער לעווי אריין אין צימער.

ביידע באנדיטען זיינען וויא פערשטיינערט געבליעבען, דאס זייערע פערדארבענע זעעלען האבען זיך קוים אין זייא געהאלטען . . . ביידע זיינען לייכענבלאסס געווארען אונ פון פייפקעס האנד איז דער גרויסער שליססעל ארויסגעפאללען.

— וואס מאכסט דוא מיין עהרליכע קאסטירין? — האט דער אלטער לעווי צוגעהענדיג צוא דער האלב טויטער מינען שפאטיש געזאגט, וואס האסט דוא דיינע אויגען ארויפגעלאזט? וואס שעהמסט דוא זיך?

איא, מיין זאהן האט פון דער קאססע פינף טויזענד פונט ארויסגעשטוילט אונ זיין געליעבטער אוועק געגעבען? וואס וועסט דוא יעטצט ניעדערטראכטיגע זאגען? א, דוא בעסטיע! אונווירדיגע פרויא!

און דוא מיין עהרליכער שוואגער וואס מאכסט ? וואס ביזט דוא געביך זויא בלאסס ? וויא געהן דיינע געשעפטען ?

— ער מאכט פיעל בעסערע געשעפטען פון אייך . . . האט הערריסאן לאכענד געזאגט — בייא איהם אין קעשענע געפינט זיך מעהר וויא בייא אייך אין שראנק . . . איהר קענט איהם בעטאפען, וועט איהר זעהען וואס פיר אדיקקער אכם דאס איז . . .

בייא דיא ווארטער האט ער פייפקעס פוללע טאשען בעטאפט און וויעדערגעשפראכען : — א, היפש! היפש . . . איך זאל עס מארגען עהרליך פערדיענען . . .

— אייער פרוממעס ווייבכען — האט ער ווייטער שפאטיש געזאגט — זאלט איהר הערר לעווי זעלבסט בעטאפען : . . דען זיא וועט קיין פרעמדען מאנספערזאהן צולאזען . . .

א, וואס פאר אגאלדענע ווייבעלע דאס איז ! זיא איז איינגעטונקט אין גאלד . . . אויסער דעם וועט איהר, מיסטער לעווי, דיא פינף טויזענד פונט שטערלינג בייא איהר געפינען, וועלכע דזשעק האט אבגעשטוילט . . . איהר וועט זייא געפינען מיט אגרויסען פראצענט . . .

ביידע שורקען זיינען מיט אראבגעלאזענע קאפ געשטאנען און קיין ווארט גערעדט, ענדליך האט זיך פייפקע בעדענקט און זיך גערוקט צוא דער טהיר . . .

— שטעה ! — האט דער אלטער לעווי געדאנערט און איהם דעם וועג פערשטעללט — וואס אנטלויפסט דוא, שוואגער ? איך וויל זיך מיט דיר פרעהען . . . דוא ביזט יעטצט מיין בעסטער גאסט . . איך דארף דיך נאטהיג האבען . . .

פייפקען זיינען דיא ווארטער ניט געפעללען און האט זיך מיט אבלאנקעס מעססער אויף דעם אלטען ארויפגעווארפען . . .

אין דעם זעלבען מאמענט האבען צוויא רעוואלווערען געדאנערט, דאס דיא וואנט האבען זיך געטרייסעלט און דער באנדיט איז אויף דעם פליאר (פאדלאגע) געפאללען, זיך באדענדיג אין זיין בלוט .

אין איינינע מינוטען ארום זיינען צעהן פאליסלייט מיט געלאדענע רעוואלווערען אין צימער אריינגעקאממען, וועלכע האבען פייפקעס לייכטע וואונדען ארום געבונדען און דאס בלוט פון ביידע פיסס פערהאמערט, ענדליך האט מען דיא באנדיטענס טאשען לעער געמאכט, בייא וועלכען מיסטער הערריסאן האט גענוג געשפאסט און ווען ביידע שורקען ווארען צוזאממען געשלאססען, האט מען זייא אין אהעכערען ארט אוועקגעפיהרט . . .

אויף דעם דריטטען טאג איז מיסטער דייוויס מיט שארלאטען אויף דער לאנדאנער ראבבינער אין קרימינאל (אסטראג, קערקער) געגאנגען, וואו פייפקע האט געמוזט שארלאטען גט געבען וויא גע-הערינ איז אונ אין איינינע וואכען ארום האבען דיא לאנדאנער צייטונגען דיא נייעס געשריבען: „דער בעוואוסטער רוססישער באנדיט, וועלכען מען האט ביי מיסטער לעווי ארעסטירט אלס ער האט דיא קאססע בעשטוילט, איז געסטערען אבענד פון קרימינאל אנטלאפען אונ דעם ארעמען וועכטער ערמארדעט . . . זיין בילד איז צושיקט איבעראלל, ווער עס וועט איהם חאפען אדער פון איהם אשפור דער געהן, דעם וועט דיא רעגיערונג הונדערט פונט שטערלינג געבען. —

אין דער צעלע נוממער 16 האט דעם באנדיטס געליעבטע איהר קלייד צעריססען, פון וועלכען זיא האט אשטריק געמאכט אונ זיך געהאנגען" . . .

16.

טרויער אונ פרייד.

דיא שטאדט נאיאב, וועלכע וואר מיט איינינע שטונדען צוריק וויא אבגעשטארבען, איז יעטצט צוריק בעלעבט פון מענשען, דען עס וואר צעהן אוהר אין דער פריה. דיא פוילישע „בני יעקב" מיט דיא הויכע היטלען אונ לאנגע קאפאטעס מיט דיקע פאות, וועלכע רעכענען זיך פאר דיא ריכטיגע „אתה בחרתניקעס" געהן פון קלויז מיט דיא טלית זאק אונ גארטלען אונטער'ן ארעם; פיעל פון זייא חאפען זיך אריין בגניבה אין אשענקעל, אום זייערע „ארורות" זאלען ניט בעמערקען . . . אונ בענעצען דעם ווארעם מיט פאר זעכס גראשען „פוילישען אקיוויט" (ספירט).

מהייל פון דיא וואהרע „גאטטס קינדער" זיטצען נאך אין קלויז אונ דערצאהלען דיא וואונדער פון דיא שטארקע נעזער (חינעזער) מיט דיא שאמפאנער . . . (יאפאנער) אויך פון „איהם זאל לעבען" . . . דאגעגען זייערע שמוטציגע קויטיגע פרויען שטעהען פערפינסטערט אין דיא קראממען מיט דיא פייערטאפ אין דיא האנד, וועלכע זייא האלטען אין איין בלאזען, דאס זייערע געזיכטער מיט דיא נאז זיינען שווארץ וויא קויל . . .

אויף דער צענטראל שטראססע געגענאיבער דער פאלנישער

ציגיינער ח״ג
קירכע

קירבע, שטעהט אשיינעס פראכטיגעס הויז, אין וועלכען עס וואהנט אונזער בעקאנטער, לעאן לעווינשטיין.

שיינע מיט הדסה'ן שטעהען נעבען פענסטער אונ קוקען אויף דעם פערוואלקענדען הימעל, וועלכער איז עהנליך צוא זייערע הערצער... ביידע האבען ניט גערעדט, נאר זייערע טרויעריגע געזיכטער ציינען, וואס פאר א קיממער אין זייא ליעגט פערבארגען...

אגאטטליכע שטיללקייט הערשט איבער'ן גרויסען זאאל, וועלכע ווערט אפטמאל געשטערט פון אקליינגענדעס קינדער שטימעלע, וועלכעס פערשטעהט קיינע זארג אונ שפיעלט זיך פרעהליך מיט אגרויסע קוקלע.

— שיינעלע! — האט הדסה נאך אלאנגען שטילל שווייגען געזאגט — עס איז שוין צעהן אוהר אונ דוא האסט נאך קיין טהעע געטרונקען, קום, שוועסטער אין עססצימער, מיר וועלען צוזאממען פריהשטיקען, דען מיט אונזער זארגען וועללען מיר דיא טויטע ניט לעבעדיג מאכען... גאט זאל אונז טרייסטען אונ געבען פריילי- כערע צייטען... מיר זאלען אוים לעבען אונזערע יאהרען אין פריידען אונ שטארבען מיט אזא בערוף וויא דער אנקעל מיט דער טאנטע זיינען געשטארבען... שטארק זיך, שיינע, דען דער מענש מוז זיך אפט מאל מאכען אהערץ פון אייזען אונ אללעס גע- דולדיג אריבערטראגען...

דיא בלאססע מאגערע שיינע האט איהר טרייער שוועסטער ניט געאנטווארטעט, נאר אירע אויגען זיינען פולל געווארען מיט טרעהרען...

— באלאבאסטע! באלאבאסטע! — האט זיך פלוטצלינג אווילדע שטימע געהערט אונ דער אמעריקאנער פרעזידענט נימפעל איז אריין געלאפען אין זאאל — איך זאל אזוי לעבען, איך זאל אזוי הויכער זיין (זוכה זיין) צוא זעהען מיין ווייב אין דער ערד, וויא איך האב געזעהען, אז זייא פאהרען... וויא איך בין א יוד זייא פאהרען...

— ווער פאהרט? — האבען ביידע אין איין שטימם געפרעגט אונ זיך ניט געקענט איינהאלטען פון לאכען, זעהענד, דיא אידיאטישע מינעס — וועמען האסט דוא, נימפעל, געזעהען פאהרען?

— סטייטש וועמען? — האט נימפעל זיינע גראבע ליפען גיעפינט אונ אוים געגלאצט אפאר קעלבערנע אויגען — טאקע זייא.... איך זאל אזויא פאהרען אויף מיין אבסינע, (חתונה) וויא ער מיט נאך איינעם פאהרען....

— אבער אום גאטטעס ווילען, גימפעל — האבען ביידע פרויען אונגעדולדיג געשריען — זאג שוין אמאל ווער עס פאהרט? פילייכט דער בעל הבית?

— הא! הא! הא! — האט דער אידיאט ווילד געלאכט — איהר האט מיר וויא איך בין איוד, פון מויל ארויס גענומען.... טאקע דער באלאבאס מיט נאך איינעם.... איך האב זייא גיזעהן לעבען דער ווינט-מיהל, איך זאל אזויא העבער....

אין איינינע מינוט ארום האט זיך נעבען הויז איין עקיפאזש אפ געשטעלט, פון וועלכע צוויא מענער האבען אויס געשטיגט.

— לעאן! — האט הדסה מיט אפריידען געשרייא אויס גערופען אונ איז איהר ליעבען געמאהל ענטגעגען געלאפען — א, וויא גליקליך איך בין וואס איך זעה דיך, מיין לעבען, געזונד....

לעאן מיט דעם אונבעקאנטען גאסט זיינען אריין אין זאאל אונ האבען זייערע אויבערשטע קליידער אויס געטאהן, באלד איז אויפ'ן טיש אזידענדער סאמאוואר (טהעע מאשינע) געשטאנען מיט פערשיע-דענע ערפרישונגען אונ לעאן האט צוא הדסה'ן אונ שיינען געזאגט:

— בעפאר מוז איך אייך, מיינע טהייערע, אונזער ליעבען גאסט פארשטעלען: רבי דניאל סגל, אונזער זעליגען אנקעלס שוואגער...., מיין ליעבע פרויא אונ דיא איז מיין טהייערע שוועגערין.

דער אלטער דניאל האט ביידע פרויען זיין האנד גערייכט אונ זיך העפליך פערנייגט.

— אונזער ליעבען זעליגען אנקעלס אשוואגער? — האבען ביידע פרויען מיט וואונדער געפרעגט — מיר האבען ניעמאלס פון אנקעל געהערט, דאס ער האט אשוואגער....

לעאן האט זייא ערציילט פון דער סצענע, וועלכע האט זיך פאר דעם אנקעלס טויט אבגעשפיעלט.... אונ גיענדיגט מיט דיא ווערטער:

— דער גוטער מענש האט שארלאטען פון טויט גערעטעט.... ווען ניט ער, וואלטען שוין פון לאנג דיא מעער פישע איהר קערפער פערצערט....

— מיין שארלאטען גערעטעט! — האט דיא לייבענבלאסע שיינע געשטאמעלט — מיין שארלאטען! זאגט מיר, ליעבער מאן, וואו איז זיא? לעבט מיין קינד? איז עס וואהר?....

גענוג צייט האט געדויערט, ביז שיינע האט זיך עטוואס בערוהיגט אונ דניאל האט איהר מיט זיין קלינגענדער טרויעריגער שטימע אלעס ערצעהלט אונ איהר שארלאטעס ביידע בריעף איבער געגעבען, וועלכע

זיא האט פייכט געמאכט מיט איהרע הייסע טרעהרען. —

— מיין קינד איז אין לאנדאן? — האט דיא אונגליקליכע מוטער געקלאגט — גאט ווייס צוא איך וועל איהר שוין מעהר זעהן ···· גאט ווייס צוא דאס שיף איז ניט אונטער געגאנגען ····

— בערוהיגט אייך, מיין פריינדין, — האט דניאל געריהרט געזאגט — דאנקט גאט וואס זיא איז לעבען געבליעבען, יעצט קענט איהר אמווייניגסטענס האפען, דען זיא האט מיר פערשפראכען אפט צוא שרייבען, געוויס וועט דאס ארדענטליכעס קינד ווארט האלטען.

אלס אלע האבען זיך עטוואס בערוהיגט, האט לעאן צוא דיא פרויען געזאגט:

— איך וועל אייך איבער געבין איין פערזיעגעלטען בריעף, וועלכען דער זעליגער אנקעל האט פאר זיין טויט געשריבען אונ וויל אויף איהם געפינט זיך איין אויפשריפט, דאס אויסער אייך זאל קיינער דעם לעצטען בריעף ניט לעזען, מוז איך זיין היילינגען וואונש ערפי-לען אונ איך פרעגען: ערלויבט איהר מיר דעם בריעף צוא לעזען?

— מיר ערלויבען דיר! — האבען ביידע פרויען אין איין שטימם אויס געשריען.

לעאן האט דעם בריף געעפינט אונ געלעזען דיא ווערטער:

„ליעבע קינדער שיינע אונ הדסה!

איך ווייס, דאס איהר וועט אויף אייער טרייען אנקעל צירנען, ווארום ער האט ביז יעצט דיא געהיימניסע פון אייך פערבארגען, נאר גלויבט מיר, קינדער, דאס איך בין אונשולדיג···· איך האב אנדערש ניט געקענט, בעזאנדערס ווען איהר לעזט מיין לעצטען בריעף, געפין איך זיך שוין אין מיין עוויגער רוהע, אין קאלטען פינסטערען גראב, וועט איהר מיר געוויס פערצייהען····

אגרויסע זינד בין איך אין מיין לעבען געגען גאט אונ געגען אייך בעגאנגען···· אזינד, וועלכע האט אימער וויא אווארעם מיין בלוט געזויגען ···· אונ איך בערייהע איהם ביז מיין לעצטע סעקונדע···· אום איהר זאלט מעהר מיין פערברעך פערשטעהן, מוז איך אייך פריהער מיין ביאגראפיע בעשרייבען:

איך מיט מיין זעליגער שוועסטער, פערעלע, וועלכע וואר יונגער פאר מיר מיט צעהן יאהר, האבען זיך ערצויגען ביי העכסט פרומע עלטערען, וועלכע ווארען זעהר רייך. צוא מיין צוואנציגסטען יאהר זיינען אונזערע עלטערען אין איין יאהר אבגעשטארבען אונ מיר איבער געלאזט זייער גאנצעס רייכטהום מיט מיין יונגערע שוועכטער פערעלע, וועלכע וואר דאן צעהן יאהר אלט. אין איין יאהר ארום האב איך

געהייראט אין מיין געבורטס שטאדט שילאק מיט אייער טרייער טאנטע, מיט וועלכער איך האבע מיינע יאהרען גליקליך אויס געלעבט.

אכט יאהר זיינען נאך מיינע עלטערענס טויט פאראיבער געלאפען אונ מיין שאנע שוועסטער, פערלע, האט געהייראט מיט איין ארדענטליכען יונגען מאן אויס שילאק, וועלכע מען האט דניאל סגל גערופען ....

איהר קענט זיך פארשטעלען יענע גליקליכע טאג, אלס איך וואר ביא מיין איינציגער געליעבטער שוועסטער אונ גיזעהן וויא דיא צווייא יונגע מענשען לעבען וויא דיא ערשטע פאאר אין פאראדיז, (גן עדן) דאן איז צוא מיר קיין גלייכען געוועזן .... צום אונגליק וארען מיינע פריידען ניט פון לאנגען דויערען, דען אין אכט מאנאטען ארום נאך מיין אונגליקליכער שוועסטערס האכצייט האט מען מיין געליבטען שוואגער אויף פינף אונ צוואנציג יאהר צום מיליטער דינסט צוא גענומען ....

דא ענטזאגט זיך מיין פעדער צוא שילדערען אונזער יאמער אונ טרויער .... מיר האבען פון וויינען אונזערע קרעפטען פערלארען אונ אוועק זיינען יענע פרעהליכע ליכטיגע טעג צוא זאמען מיט מיין זעליגער שוועסטער, וועלכע האט אין זעכס וואכען ארום, נאך דעם אונגליק, אצווילינג געבוירען אונ אין איין טאג ארום האט זיך געענדיגט איהר יונגעס לעבען .... מיין שוועסטערס טויט האט מיין פערשטאנד געריבט אונ איך האב פון דעם אונגליק מיין ארעמען פערטריבענעם שוואגער געשריבען .... אין איינינע וואכען ארום, איז ארויס אקלאנג אין שטאט, דאס מיין שוואגער דניאל איז געפאנגען געווארען פון דיא טירקען אונ איז מוהאמעדאנער געווארען .... וויא מיר וואר אויף דעם הערצען קענט איהר זיך זעלבסט פארשטעלען .... פון מיינע טרעהרען האט מען גיקענט אטייך מאכען .... איך האבע זיך נאר געפירכטעט, פילייכט וועט דניאל זיינע קינדער צוא זיך פאדערען אונ זייא אוועק רייסען פון אלטען יודישען גלויבען .... אונ אום דאס צוא פערהיטען האב איך מיין אונגליקליכען שוואגער אפאלשען בריף געשריבען, דאס אויך ביידע קינדער זיינען געשטארבען אונ איך מיט מיין פאמיליע זיינען נאך נולביל געפאהרען, וואו איך האבע מיין זעליגער שוועסטער׳ס קינדער פאר מיינע פערשריעבען אונ זיך געהיטען דאס קיינער זאל פון מיין געהיימנים ערפאהרען .... איך שטעל מיר פאר וויא בלאס איהר ווערד לעזענדיג דיא ווערטער .... איהר וואונדערט אייך אויף אייער זינדיגען אנקעל, וויא ער האט זיך גיקענט אזא זינד צוא בעגעהן, אבער רעכענט מיך פון דער גוטער זייט, דען זעהר פינסטערע

ציימען וואר דאן ···· דער מענש האט קיין ראלע געשפיעלט, נאר דער גלויבען, וועהרענד היינט איז איין אנדער וועלט, מיט אנדערע מענשען, מיט אנדערע געדאנקען ···· שוין פיעל יאהרען האט דער שלאנג, וועלכער רופט זיך „געוויסענביססע", מיין בלוט פערגיפטעט ···· מיין הערץ האט מיר שפעטער געזאגט, אויך יעצט גלויב איך, דאס מיין אונגליקליכער שוואגער איז אידן ···· ליידער האב איך מיין גרויסען פעהלער ניט גיקענט פערריכטען, דען אויף קיין פאלל האב איך ניט גיקענט ערפאהרען, וואו מיין שוואגער דניאל איז ···· אונ ווען מיינע צוויא זאהנע זיינען אין דער עפידעמיע אוים געשטארבען, האב איך גאטטעס שטראפע אנגענומען פערליעב, דען איך האב עם עהרליך פערדיענט ····

אין דער לעצטער צייט זיינען מיך מיט אייער שטערבענדער מאנטע דיא „חברה קאליקע" בעפאלען, וועלכע האבען אונזערע לעצטע קרעפטען גערויבט ···· איינער פון דיא געגאנטע מערדער וואר שארלאטעם פערדארבענער געמאהל, אווגוסט פעהלהענדלער ···· אונ וויל איך פיהל, דאס מיינע טעג זיינען געציילט שרייב איך אייך מיינע לעצטע ווערטער: מיין אונגליקליכער שוועסטערס צווילינג, זיינט איהר שיינע אונ הדסה ···· פיליכט וועט אייך דער צופאל מיט מיין שוואגער דניאל סגל צוזאמען ברייגגען, זויא ווייסט, דאס ער איז אייער וואהרער פאטער ····················

מיינע הייזער אונ מיין פערמעגען, וועלכעס בעטרעפט איבער צוויא מאל הונדערט טויזענד רובעל געהער צוא אייך ליבע קינדער···· ווען גאט וועט אייך צוא אייער פאטער ברייגגען, זויא געהער העלפט צוא איהם אונ דיא צווייטע העלפט צוא אייך ···· מיין פארמאלגער טעסטאמענט (צוואה), געפינט זיך ביים נולבילער נאטאריוס; דאס שרייבט מיט דעם קלארען פערשטאנד אייער שטערבליכער זינדיגער אנקעל, וועלכער האפט, דאס איהר וועט איהם פערצייהען,

אברהם".

···

לעאן וואר זויא פערטיעפט אין לעזען, דאס ער האט ניט בעמערקט, אז שוין פיעל צייט הערען ניט דיא ארומזיצענדע זיינע ווערטער, דען אלע דרייא זיינען אין אונמאכט געפאלען ···········

אגאנצע שטונדע האט גערויערט ביז דער ערשראקענער לעאן האט דניאל'ן מיט זיינע צוויא געפונענע טעכטער צוריק אין לעבען געבראכט, אונ אלס דניאל האט זיינע אויגען גיעפינט, האט ער זיינע קינדער אין זיינע ציטערענדע ארמען איינגעקלאמערט; גאנץ לאנג

זיינען אלע פיער וויא איין קערפער געשטאנען; דיא געשריען: „פאטער!" „טאכטער"! „זאהן"! ווארען זויא הערצברייסענד, דאס גימפעל, וועלכער וואר דאן אין קיכע, איז פון שרעק ארויס געלאפען אויף דער שטראססע און געשריען:

— ראטעוועט! (רעטעט) עס ברענט! עס ברענט! פאשזאר!

דאס גאנצע שטעדטיל איז זיך אויף זיין „געוואלד" צונאנד געלאפען; יעדער האט פיעל טרעהרען פערגאסען, הערענד, דיא גאטעס וואונדער; אלע נאיאבער יודען זיינען געקומען גראטולירען דעם גוטען לעאנען און אגאנצען טאג וואר דארט געמישט טרויער און פרייד....

ענדע דאס דריטע טהייל.